# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

ראש השנה

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
באר הפרשה
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
דער פרשה קוואל
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
Torah Wellsprings
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
Manantiales de la Torá
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
Au Puits de La Paracha
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
Le Sorgenti della Torah
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
Колодец Торы
info+subscribe@kolodetztory.com

ארה"ב: Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

באר"ק:
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

מכון באר האמונה

יו"ל ע"י מכון באר אמונה
2024 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# תוכן הענינים

## ראש השנה


ויאמרו הנה יום הדין - גוט אויסנוצן דעם סוף פונעם יאָר.......................... ב

במוצאי מנוחה - די געהויבענע ימי סליחות, ספּעציעל דער ערשטער טאָג................ ט

מלך על כל הארץ - זוכה זיין ביים משפט דורך שטאַרקן די אמונה..................... יב

מלך אוהב צדקה - אויב ער איז דיין ברודער, בין איך דיין טאַטע....................... יז

מעבירין את רוע הגזירה - דיין תפילה טוט 'אויפשאָקלען' אַלע עולמות................ כג

בלב קרוע ומורתח - מתפלל זיין און בעטן ווי אָרימעלייט מיט הכנעה.................כח

וחיל ורעדה יאחזון - יראה און פחד פאַר'ן דין....................................... ל

תקעו בחודש שופר - די גרויסקייט און סגולות פונעם שופר............................. לג

בראש השנה נפקדו - יעדע טבע און מזל, ווערט היינט געטוישט צום גוטן................לה

בספר חיים ברכה ושלום ופרנסה טובה - בעטן אויך אויף פרנסה......................... מב

שבת בו תשוב - שבת שובה............................................................ מה



סדר ועימוד:

**א.י.ש. אשדוד:**

shwrtz@bezeqint.net

# ראש השנה

ויאמרו הנה יום הדין - גוט אויסנוצן דעם סוף פונעם יאר

**אין** דער היינטיגער סדרה, פרשת נצבים, לערנען מיר א סאך וועגן די מצוה פון תשובה "ושבת עד ה' אלקיך וגו', ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך וגו', ואתה תשוב ושמעת בקול ה' אלקיך" (ל, ב-ח). דאס איז "מענינא דיומא" אין די הייליגע טעג פון אלול און תשרי[א].

**דער** כח פון תשובה איז גאר גרויס, ווי עס שרייבט דער "שפת אמת" זי"ע (נצבים תרלט), אויף דעם פסוק אנהייב סדרה "אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם" וגו'. שרייבט דער "שפת אמת", די אידן זענען דאך נכשל געווארן מיט'ן חטא העגל, וועגן דעם האט משה רבינו ע"ה געזאגט "אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם". ווען איר זענט אין גדר פון בעלי תשובה, שטייט איר פאר דעם אויבערשטען נענטער ווי איך! ווייל חז"ל זאגן (ברכות לד:) "במקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד". וועגן דעם האט משה זיך ארויסגעצויגן פון דעם כלל, און געזאגט, אז 'עטס' שטייטס פאר דעם אויבערשטען, נענטער ווי איך, וויבאלד איך האב נישט געזינדיגט ביים עגל. אדאנק זייער תשובה, האבן די אידן זוכה געווען צו אזא הויכע מדריגה, צו שטיין פאר דעם באשעפער ברוך הוא, מער ווי משה רבינו ע"ה[ב].

**דער** "שפת אמת" שרייבט: "היה כל זה הכנה לדורותינו השפלים". דאס אלעס איז געווען א הכנה צו

---

**א.** אזוי שרייבט דער לבוש (סי' תכח, ס"ד) אויף דעם וואס עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' תכח, ס"ד) אז מ'לייענט די פרשה פון "אתם נצבים" שבת פאר ראש השנה, **ווייל אין דער פרשה רעדט זיך א סאך וועגן תשובה, און עס איז דער זמן תשובה צו טוהן פאר די ימי הדין הבאים עלינו לטובה.**

**ב.** אזוי טייטשט דער הייליגער "חתם סופר" זי"ע (פרשת שופטים, ד"ה "ואם ירחיב"), דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (נצבים ל, ה) "והטיבך והרבך מאבותיך". דער פסוק רעדט וועגן די צייט ווען אידן וועלן תשובה טוהן, וואס מיר ווייסן אז א בעל תשובה שטייט אויף א העכערע מדרגה ווי דער צדיק גמור. אויף דעם זאגט דער פסוק "והטיבך והרבך מאבותיך". די הייליגע אבות, זענען געווען צדיקים גמורים, אבער **די אידן זענען אין דער בחינה פון "בעלי תשובה". ממילא, שטייען זיי אויף א העכערע מדריגה ווי זייערע אבות.**

אויף די הייליגע ווערטער פון הייליגן "חתם סופר" זי"ע, קען מען זאגן: "אלמלי מקרא שכתוב, אי אפשר לאמרו". ווען עס זאגט עס נישט דער "חתם סופר", וואלטן מיר עס נישט געטארט זאגן...

די גמרא (ע"ז יז.) דערציילט די מעשה פון רבי אלעזר בן דורדייא. ווען ער האט געוואלט תשובה טוהן, האט ער זיך אוועקגעזעצט צווישן צוויי בערג און טאלן, און געזאגט, זיי זאלן בעטן פאר איהם רחמים פון דעם אויבערשטען. האבן די בערג געזאגט: ווי איידער צו בעטן רחמים פאר דיר, וועלן מיר בעטן פאר זיך אליין... האט ער זיך געווענדן צו הימל און ערד, און געזאגט: "שמים וארץ, בקשו עלי רחמים" - הימל און ערד, בעט פאר מיר רחמים. אבער אויך זיי האבן געענטפערט, אז איידער צו בעטן פאר איהם, וועלן זיי בעטן פאר זיך. האט רבי אלעזר געזאגט, אויב אזוי, ווענדעט זיך עס נאר אין מיר... ער האט אראפגעלייגט זיין קאפ צווישן די קניען, און ער האט אויסגעבראכן אין א געוויין, ביז ער האט אויסגעהויכט זיין נשמה ל"ע. דערציילט די גמרא, אז עס איז ארויס אין הימל א "בת קול", וואס האט אויסגערופן: "רבי אלעזר בן דורדייא איז אנגעגרייט צו חיי עולם הבא". האט רבי געוויינט און געזאגט: "יש קונה עולמו בכמה שנים", עס איז דא א מענטש וואס קויפט זיין עולם הבא אין א סאך יארן, "ויש קונה עולמו בשעה אחת", און עס איז דא א מענטש וואס קויפט זיין עולם הבא אין א קורצע צייט. אויך האט רבי געזאגט: נישט נאר וואס מ'נעמט-אן דעם בעל תשובה, נאר ער באקומט נאך דעם טיטל "רבי" (רבי אלעזר בן דורדייא).

אונזערע נידעריגע דורות, כדי אונז צו לערנען וועגן דעם כח פון תשובה[ג].

**צדיקים** האָבן געזאָגט אַ רמז אויף די ווערטער פון חז"ל (ע"ז ג.) 'מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת,' אַז חז"ל זענען דאָ מרמז אויף חודש אלול, וואָס איז דער זעקסטער חודש (ווען חודש ניסן איז דער ערשטער), און איז אַנטקעגן דעם זעקסטן טאָג - ערב שבת. 'מי שטרח' - דער וואס האָט זיך מטריח געווען און זיך צוגעגרייט ווי ס'דאַרף צו זיין, 'בערב שבת' - חודש אלול, צום חודש תשרי וואָס איז דער זיבעטער חודש (אַנטקעגן שבת, 'יום השביעי שבת'), איז זוכה צו 'יאכל בשבת' - אַז ער וועט באַקומען אַלע גוטע השפעות אין זיבעטן חודש, און זיין משפט וועט נגמר ווערן לטובה ולברכה, צו אַ שנת גאולה וישועה[ד].

**הרה"ק** בעל 'בית אברהם' מ'סלאָנים זי"ע, איז מוסיף (פ' נצבים, ד"ה 'הכל'), 'הכל הולך אחר החתום' - אַלעס גייט נאָך די 'חתומה'. אלול איז אַ בחינה פון 'ערב שבת', און תשרי איז אַ בחינה פון 'שבת'. אויך

---

פרעגן די מפרשים, פאַרוואָס איז ער טאַקע באַצייכנט געוואָרן מיט'ן טיטל "רבי"? רבי אלעזר בן דורדייא האָט דאָך גאָרנישט געלערנט מיט אונז? איז דער תירוץ, אַז דאָ **'לערנען' מיר אַ גרויסן יסוד, פון די ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט, "אין הדבר תלוי אלא בי". עס ווענדעט זיך נאָר אין מיר אַליין... און צוליב דעם אַליין איז ער ראוי אָנגערופן צו ווערן "רבי".**

**ג.** דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, טייטשט די ווערטער פון חז"ל (ברכות לד:) "במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים עומדים". עס איז נישט אַ קונץ צו מאַכן אַ צירינג פון גאָלד און זילבער. אַ חכמה איז, צו פאַרוואַנדלען אַ פשוט'ע און צעריסענע שטיקל סחורה, אין אַ שיינעם תכשיט. דאָס זעלבע, **לויט ווי נידעריג דער מענטש איז, אַזוי גרויס איז זיין חשיבות ווען ער טוט תשובה צום באַשעפער.**

אַזוי האָבן צדיקים געטייטשט דעם פסוק "אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם". **אין וועלכן מצב איר זאָלט נישט זיין, שטייט איר אַלץ פאַר דעם אויבערשטען.** ("מי השילוח", "פרי צדיק", ועוד)

ענליך טייטשן זיי אויך דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ל, ד) "אם יהיה נדחך בקצה השמים, משם יקבצך ה' אלקיך ומשם יקחך". **אפילו אויב דער מענטש האָט חלילה אַזוי פיל געזינדיגט, אַז ער איז ווי "פאַרשטויסן" חלילה וחס,** "בקצה השמים" **- ביז דעם עק פונעם הימל.** "משם" **- פון דער "נקודה פנימית" פון האַרץ.** "יקבצך ה' אלוקיך", **וועט דער אויבערשטער דיך צוזאַמנעמען, ווי אַ טאַטע וואָס האָט אייביג רחמנות אויף זיינע קינדער.**

**ד.** די ספרים הקדושים שרייבן (הרה"ק מהר"ש מבעלזא זצ"ל, און אַזוי ווערט שוין געברענגט אין 'לקט יושר', אין נאָמען פון זיין רבי'ן, דער גאון בעל 'תרומת הדשן' זצ"ל), אַז דער עצם נאָמען פון חודש אלול איז מרמז אויף דעם ענין פון תשובה, ווייל דער ירושלמי זאָגט (ר"ה פ"א, ה"ב) אַז די נעמען פון די חדשים זענען אַרויפגעקומען מיט די אידן פון בבל, און 'אלול' אויף לשון ארמי (וואָס מ'האָט גערעדט אין בבל) איז אַ לשון פון זוכן, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר יג, ב) 'ויתורו את ארץ כנען', און דער תרגום אונקלוס טייטשט דאָס וואָרט 'ויתורו' '**ויאללון**'. איז דער 'אלול' מרמז, אַז דער מענטש דאַרף דעמאָלס איבערקוקן און נאָכזוכן זיינע מעשים און וועגן, אויב זיי זענען גוט אין די אויגן פונעם באַשעפער...

מ'קען עס בעסער ערקלערן מיט אַ מעשה שהיה, אין די ערשטע צייטן נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען דער אידישער ישוב אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן פאַרגרעסערן בלע"ה, האָט דער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל אַרויסגעגעבן אַ געוויסן פסק הלכה. ווען דער סאַטמאַרער רב זי"ע האָט געהערט דערפון, האָט ער מורא געהאַט אַז דער פסק קען משפיע זיין אויפ'ן גאַנצן 'הלוך ילך' פון ערליכע אידן החרדים על דבר ה' (מצד הנהגה, נישט מצד די הלכה), און ער האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע פון רבנים צו רבי משה פיינשטיין, בעטן פון איהם ער זאָל זיך צוריקציען פונעם פסק.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען צו רבי משה פיינשטיין און ער האָט געהערט זייער בקשה, האָט ער זיי אויפגענומען פריינטליך, און זיי נאָכגעזאָגט פון די גמרא, ראשונים, אחרונים, שולחן ערוך וכו', אויף וועלכע ער האָט געבויט זיין פסק הלכה, און אַז ס'איז אַוועקגעשטעלט אויף פעסטע 'יסודות', און עס איז 'לכתחילה שבלכתחילה'. ער האָט בכלל נישט גע'פסק'ענט כדי מקיל צו זיין 'בשעת הדחק', וכדומה.

ווען די דעלעגאַציע פון רבנים איז צוריקגעקומען צום סאַטמאַרער רב זי"ע און איהם איבערגעגעבן דעם ענטפער פון רבי משה, האָט דער רבי זיי געזאָגט: 'איך האָב דאָך נישט געבעטן פון אייך איר זאָלט זיך טענה'ן מיט רבי משה'ן

האָבן אונזערע הייליגע רבי'ס זי"ע געזאָגט, אַז די גאַנצע השפעה וואָס קומט אַראָפּ פון שבת קודש צו די וואָכן-טעג, איז דורך 'תוספת שבת', וואָס אַ איד איז מוסיף 'מחול על הקודש'. די זעלבע איז אויך מיט די השפעות און די ברכה פאַר אַגאַנץ יאָר, איז פון דעם וואָס מ'איז מוסיף מיט תשובה[ה] און מעשים טובים פון

---

וועגן זיין עצם פסק, אויב ער איז גערעכט אָדער נישט... איך האָב אייך געשיקט צו בעטן ביי רבי משה ער זאָל צוריקציען זיין פסק'. ער האָט צוגעגעבן: 'ס'איז מעגליך אַז שולחן ערוך, קען ער בעסער פון מיר, אָבער 'אַמעריקע', קען איך בעסער פון איהם'... (מיר רעדן דאָ פון די דעמאָלסדיגע אַמעריקע, ווען ערליכע אידן יראים ושלימים האָבן ערשט אָנגעהויבן אַוועקשטעלן דאָרט אַ פוס, און נישט אַזוי ווי היינט, וואָס אַמעריקע פאַרמאָגט, ברוך השם, אַ סאַך קהילות פון יראים ושלימים מסולאים בפז בלע"ה).

דאָס מיינט, דער סאַטמאַרער רב זי"ע האָט מורא געהאַט אַז אַזאַ פסק-הלכה קען ברענגען אַ חורבן אויפ'ן דור, ווייל עס זענען דאָ זאַכן וואָס מ'מעג טוהן על-פי הלכה, אָבער אַלס אַ 'גדר' און אַ 'סייג' איז מען מחויב מחמיר צו זיין, כדי מ'זאָל נישט קומען צו נכשל ווערן אין דאָס וואָס איז באמת אסור לויט די גדרי הקדושה והיראה, ודי למבין.

**לדידן ייאמר, אין חודש אלול, דאַרף יעדער איינער ווערן זיין אייגענער 'שפּיאָן', נאָכצוקוקן גוט די אייגענע 'משכיות הלב', צו זעהן וואו עס געפינט זיך זיין אייגענער 'אַמעריקע', וואו זענען זיינע שוואַכקייטן, וואָס ס'איז זיין מצב אין ענינים פון יראת שמים און גדרים פון קדושה... ער זאָל צולייגן צו זיין כהנה וכהנה, און זיך אַוועקשטעלן אויפ'ן גוטן וועג.**

**ה.** שטאַרקע דברי חיזוק שטייט אין ספה"ק 'באר משה' (פ' עקב), פון הרה"ק רבי משה אליקים בריעה פון קאָזשניץ זי"ע. ער ברענגט אין נאָמען פון צדיקים אַ וואָרט (עיין 'עבודת ישראל' פון זיין טאַטן דער קאָזשניצער מגיד זי"ע, פרשת ראה, אין נאָמען פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק) אויף די ווערטער פון דער משנה (ר"ה ב.) 'באחד באלול ראש השנה למעשר בהמה, רבי אלעזר ורבי שמעון אומרים באחד בתשרי'. האָבן די צדיקים געטייטשט, אַז לויט דער מיינונג פונעם תנא קמא, איינער וואָס ווערט נתעורר מיט יראת שמים תשובה צו טוהן ערשט אין דעם ערשטן טאָג פון חודש אלול, איז ער אַזוי ווי אַ 'בהמה' וואָס האָט נישט קיין שכל, ווייל איינער וואָס האָט אַביסל פאַרשטאַנד, האָט ער דאָך מורא פון דעם אויבערשטען א גאַנץ יאָר. רבי אלעזר און רבי שמעון קריגן אָבער און זאָגן, אַז איינער וואָס טוט תשובה אין ערשטן טאָג פון חודש אלול, איז ער נאָך אין גדר פון אַ 'מענטש'. נאָר איינער וואָס דערמאָנט זיך תשובה צו טוהן ערשט אין ראש השנה, אין 'יום הדין', אַזאַ איינער איז 'נמשל כבהמות נדמו' - אַזוי ווי אַ בהמה, ווייל מ'דאַרף תשובה טוהן, כאָטש דרייסיג טעג פאַר ראש השנה.

שרייבט אויף דעם, דער 'באר משה', אַז דאָס אַלעס איז געזאָגט געוואָרן כלפי די פריערדיגע דורות, **אָבער אין די היינטיגע דורות, וואָס ליידער זענען די הערצער אַזוי פיל קלענער, איז אויך איינער וואָס האָט על כל פנים חרטה און ער טוט תשובה ביים סוף פונעם יאָר, איז ער פונדעסטוועגן אויך חשוב אין די אויגן פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. 'ושמח בו ובמעשיו עד מאוד' - דער בוכ"ע פרייט זיך גאָר שטאַרק מיט איהם און מיט זיינע מעשים.**

מיט דעם, טייטשט דער 'באר משה' דעם פסוק (דברים ז, יב) 'והיה עקב תשמעון'. חז"ל זאָגן, אַז דאָס וואָרט 'והיה' איז אַ לשון פון שמחה. איז דער פסוק מרמז: 'והיה' - עס וועט זיין אַ שמחה ביי דעם אויבערשטען, אויך אויב 'עקב תשמעון את המשפטים האלה'. דאָס הייסט, אויך אויב איר האָט חלילה געהאַט אַ התרשלות אין עבודת השם במשך פון גאַנצן יאָר, אָבער ווען עס קומט דער סוף יאָר - 'עקב' - כאָטש דאַן, 'תשמעון את המשפטים האלה'.

אַזוי שרייבט דער 'שפת אמת' (זעה אלול תרמ"ד) אויפ'ן פסוק (דברים יא, יב) 'עיני ה' אלוקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה'. **באַלד פון אָנהייב יאָר, זיצט דער אויבערשטער און ער קוקט אַרויס ווען וועט שוין זיין דער 'אחרית שנה', וואָס דאַן וועלן זיינע קינדער זיך אומקערן צו איהם מיט תשובה שלימה.**

דער 'חפץ חיים' זי"ע האָט געזאָגט א משל: דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי ימ"ש האָט אַמאָל אַרויסגעשיקט אַ מעלדונג אין אַלע שטעט און שטעטלעך איבער'ן לאַנד, אַז ער גרייט זיך צו ערשיינען ביי זיי, אין אַ געוויסן טאָג, און אַז אַלע איינוואוינער פון לאַנד דאַרפן זיין גרייט פאַר דעם טאָג.

די ערשטע 'אויפנאַמע', וואָס איז פאַרגעקומען אין פעטערבורג, וואָס איז דאַן געווען די הויפטשטאָט, איז - זעלבסט-פאַרשטענדליך - דורכגעפירט געוואָרן מיט'ן פאסיגן כבוד. דערנאָך איז פאָרגעקומען אַן אויפנאַמע אין מאָסקווע, אויך זייער מכובד'יג, אָבער שוין אַביסל אויף אַ קלענערן פאַרמאַט ווי אין פעטערבורג, און אַזוי אין יעדע שטאָט, לויט זייער שטאַנד און מעמד.

אלול אויף תשרי[ו], און אויב די טעג פון חודש אלול זענען אַריבערגעגאַנגען ביז יעצט און מ'האָט נאָך נישט מוסיף געווען אין זיי צו טוהן עפּעס, זאָל מען זיך משתדל זיין לכל הפחות אַז די יעצטיגע לעצטע טעג פאַר ראש השנה זאָלן נישט אַדורכגיין ליידיג[ז].

**דער** 'מאירי' שרייבט אין 'חיבור התשובה' (מאמר ב, פרק א) אויפ'ן פסוק (ישעיה נה, ו) 'דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב', אַז חז"ל דרש'ענען אַז 'בהיותו קרוב' מיינט, אַז ס'איז ראוי פאַר א יעדן איד זיך משתדל צו זיין פאַר ראש השנה מיט זיינע תפילות[ח],

---

ווייט פון דעם קעניג'ס וואוין-אָרט, האָט זיך געפונען אַ קליין פאַרוואָרפן דערפל, וואו די דאָרפס-פויערן האָבן געהאַט אַ מאָדנעם מנהג, אַז יעדער גאַסט וואָס איז אָנגעקומען אין שטאָט, איז 'אויפגענומען' געוואָרן מיט א שטיינער-וואַרפעריי, וואָס די איינוואוינער האָבן אויף איהם געוואָרפן. דעריבער, ווען דער 'מעיאָר' פון דערפל האָט באַקומען די מעלדונג פונעם קייזערליכן פאַלאַץ אַז דער צאַר גרייט זיך צו קומען צו פאָרן, האָט ער נישט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטוהן. וואָס טוט מען דאָ? האָט ער צונויפגערופן אַלע מענטשן פונעם שטעטל פאַר אַ דרינגענדע פאַרזאַמלונג, וואו ער האָט געגעבן צו פארשטיין פאַר זיינע פויערן אַז דער קייסער גרייט זיך צו באַזוכן אין שטעטל, און ער האָט אַרומגערעדט באריכות דעם גרויסן 'זכות' וואָס זיי האָבן אויפצונעמען דעם צאַר. ער האָט זיי אַלזאָ געבעטן פון טיפן האַרצן, אַז ער פאָדערט נישט פון זיי זיך צו באַמיהען און מאַכן גרויסע צוגרייטונגען פאַר דער אויפנאַמע, נישט אָפּצוזיייניגן די גאַסן, און נישט באַצירן מיט בלומען א.ד.ג., נאָר איין זאַך בעט איך ענק: 'וואַרפט נישט קיין שטיינער'...! מ'זאָל נישט 'באַהאָגלען' דעם צאַר און זיין סוויטע מיט שטיינער...

דער נמשל איז, יעדעס יאָר ראש השנה קומט די שכינה אַראָפּ אויף דער וועלט, און מיר דאַרפן צוגרייטן פאַר איר אַ פּאַסיגן 'קבלת פנים', ווי עס פּאַסט פאַר דעם גרויסן קעניג פון דער גאַנצער וועלט [ווי דער 'ערבי נחל' זי"ע זאָגט (מאמרים לר"ה, דרוש ג') אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן ביים דאַווענען (שחרית דראש השנה) 'לשמוע תפילות מלבות באות', אַז דער אויבערשטער כביכול איז זיך מקדים און ער קומט אין שול נאָך איידער אידישע קינדער קומען אַהין דאַווענען].

האָט דער 'חפץ חיים' זי"ע געזאָגט, די הייליגע אבות, וואָס זיי זענען געווען אַ 'מרכבה' פאַר די שכינה הקדושה, האָבן איר אויפגענומען מיט גרויס פּראַכט, און מיט'ן גרעסטן כבוד, אַזוי ווי - להבדיל - די אויפנאַמע פאַר'ן 'צאַר' אין פעטערבורג. דערנאָך זענען געווען משה און אהרן, און די אַנדערע נביאים, וואָס זייער 'קבלת פנים' פאַר די שכינה איז געווען כמעט אַזוי ווי דורך די אבות הקדושים, און אַזוי ווייטער אין יעדן דור, די תנאים, די אמוראים, די גאונים און די ראשונים, וואָס זיי האָבן יעדעס יאָר ראש השנה איינגעאָרדנט אַ שיינעם 'קבלת פנים' פאַר די הייליגע שכינה, ביז אונזער לעצטן דור. **וואָס פאָדערט מען פון אונז? 'וואַרפט נישט קיין שטיינער!!'... 'אך בה' אל תמרודו'... יעדער איינער לויט זיין מדריגה...** (ספר 'לקט רשימות', פון הגאון רבי נתן מאיר וואַכפויגל זצ"ל, משגיח פון דער ישיבה אין לעיקוואוד)

**ו.** אויף אַן אַנדער אָרט, זאָגט דער 'בית אברהם' (פ' נצבים, ד"ה 'דתשרי'), אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן (ליל שב"ק, זמר 'אזמר בשבחין') 'יהא רעוא קמיה דתשרי על עמיה'. **'יהא רעוא'** - עס זאָל זיין דער רצון פאַר דעם אויבערשטען, אַז **'קמיה דתשרי'** - נאָך איידער עס קומט אָן דער חודש תשרי. **'על עמיה'** - זאָלן אידישע קינדער נתעורר ווערן, און דאַן **'ויתענג לשמיה מתיקין ודובשין'** - וועלן זיי שפּירן אַ זיסן טעם אין עבודת השם, און וועלן זוכה זיין צו השפעות טובות בבני חיי ומזוני רויחי.

**ז.** מ'קען צומאל הערן מענטשן זאָגן, חודש אלול איז שוין כמעט אינגאַנצן אַריבערגעגאַנגען... 'וחבל על דאבדין'... מיר האָבן שוין פאַרפאַסט די צייט...

ס'איז אָבער באַקאַנט דער משל וואָס דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האָט געזאָגט וועגן איינעם וואָס שטעלט זיך שמו"ע און ער 'טרעפט זיך' ביי 'שים שלום', און ער טראַכט צו זיך אַז די גאַנצע תפילה איז אַריבער נאָר מיט די ליפּן, אָבער זיין האַרץ איז געווען אין 'גאָר אַן אַנדער אָרט'... און וואָס פאַר אַ תועלת האָט עס אין זינען צו האָבן ביי די לעצטע ברכה.

דער 'חפץ חיים' וואַרפט אָבער אָפּ די דאָזיגע 'טענה' מיט ביידע הענט, מיט אַ משל: אַ מיידל איז געשטאַנען אויפ'ן מאַרק און אַוועקגעשטעלט פאַר זיך אַ טיש פול מיט עפּל. זענען דאָרט אַדורכגעגאַנגען אַ באַנדע 'שקצים',

כדי ער זאָל אַריינקומען אין ראש השנה מיט אַ 'טהרת הלב' - ריינקייט פון האַרץ.

**גאָר** הייליגע און מורא'דיגע ווערטער זאָגט דער גאון בעל 'נודע ביהודה' זצ"ל: 'והיה לפנות ערב ירחץ במים וכבוא השמש יבוא אל תוך המחנה' (דברים כג, יב). דער מענטש וואָס איז ליידער געפאַנגען געוואָרן אינעם נעץ פון זיין יצר און איז נכשל געוואָרן מיט זעהן מראות אסורות רח"ל, איז ער אַזוי ווי אַ 'בלינדער' רח"ל. דאָס זעלבע איינער וואָס הערט זאכן וואָס מ'טאָר נישט רעדן, ווערט ער גערעכנט אַזוי ווי איינער וואָס הערט נישט רח"ל. אויב אַזוי, ווי אַזוי קען אַזאַ מענטש זיך דערנענטערן צום באַשעפער? דער פסוק זאָגט דאָך (ויקרא כא, יח) 'כי כל איש אשר בו מום לא יקרב, איש עור או פסח'.

ברענגט דאָרט דער צל"ח די ווערטער פונעם 'כלבו' (און אַזוי שטייט קלאָר אין זוהר הקדוש ח"ג ערה.) אַז ווען דער שטן קומט מקטרג זיין ח"ו אויף אידישע קינדער אינעם יום הדין, זאָגט איהם דער אויבערשטער, גיי און ברענג באַגלייבטע עדים וואָס זאָלן עדות זאָגן אַז די ביסט גערעכט. גייט דער שטן צו די זון און די לבנה און ער בעט זיי צו קומען עדות זאָגן פאַר'ן בית דין של מעלה. די זון הערט איהם אויס און קומט עדות זאָגן, אָבער די לבנה וויל נישט דערציילן בגנותן של ישראל, ווייל דעם באַהאַלט זי זיך דעמאָלס, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים פא, ד) 'בכסה ליום חגנו'. און ממילא, בלייבט די זון אַליין, און איין עד איז זיין עדות נישט קיין עדות, ע"כ.

---

און עס האָט זיך זיי אָנגעגליסט אַ פּאָר עפּלעך... וואָס האָבן זיי געטוהן? זיי האָבן איבערגעדרייט דעם טיש און די עפּל זענען געפאַלן אויף דער ערד, און די שקצים האָבן געכאַפּט עפּל פון אַלע זייטן. האָט דאָס מיידל אויסגעבראָכן אין אַ געוויין הויך אויפ'ן קול, און געשריגן אַז מ'האָט איר באַ'גנב'עט אינמיטן העלן טאָג. האָט איין קלוגער מענטש איר געזאָגט: יעצט איז נישט די צייט צו וויינען... טוה דאָס זעלבע וואָס זיי טוהען, זיי כאַפּן, זאָלסטו אויך כאַפּן און ראַטעווען וויפיל עפּל דו קענסט ראַטעווען... הייב אויף וויפיל עפּלעך מעגליך, אַז זיי זאָלן כאָטש איבערבלייבן פאַר דיר... אָבער אויב דו וועסט דאָ שטיין און וויינען, וועסטו בלייבן מיט גאָרנישט...

דער מענטש וואָס 'דערמאָנט זיך' ביים סוף פונעם דאַווענען אַז ער האָט ביז יעצט נישט אין זינען געהאַט וואָס ער זאָגט, זאָל ער נישט וויינען און זיך באַקלאָגן אויף דעם וואָס דער יצר הרע האָט 'צוגעכאַפּט' פון איהם די גאַנצע שמו"ע... נאָר ער זאָל לכל הפחות 'כאַפּן' די ברכה וואָס איז איבערגעבליבן, און ער זאָל אין זינען האָבן מיט'ן גאַנצן האַרץ, די ווערטער וואָס ער זאָגט, און פון דעם וועט ער האָבן אַסאַך 'פאַרדינסטן'...

דאָס זעלבע זאָגן מיר, **וויין נישט אויף די טעג וואָס זענען פאַרביי געגאַנגען מיט גאָרנישט, נאָר שטאַרק זיך אין די טעג וואָס בלייבן נאָך איבער, און פון יעצט און ווייטער זאָלסטו מרבה זיין בתשובה ותפילה וצדקה, און פון זיי וועסטו פאַרדינען גאָר אַסאַך פאַר'ן קומענדיגן יאָר הבא עלינו לטובה.**

עס האָט דערציילט איינע פון די תלמידים פון הגה"צ רבי גדליה אייזמאַן זצ"ל, דער משגיח פון דער ישיבה 'קול תורה', אַז אַמאָל ערב ראש השנה פאַרנאַכטס האָט ער באַגלייט רבי גדליה'ן אויפ'ן וועג גייענדיג אין שול, און ער האָט געבעטן פון זיין רבי'ן אַז ער זאָל איהם זאָגן אַ וואָרט פון חיזוק און התעוררות צום גרויסן הייליגן טאָג פון ראש השנה. האָט רבי גדליה איהם געזאָגט: **'עס זענען נאָך איבערגעבליבן אַ פּאָר מינוט אין חודש הרחמים אלול, און מ'דאַרף עס אויסנוצן'...**

**ח. דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל שרייבט** ('תהילות ישראל', תהלים מב) **אַז דער עיקר פון די תפילות אין חודש אלול דאַרף זיין, אַז דער אויבערשטער זאָל צושטעלן פאַר אונז אַ קוואַל פון טרערן, אַז מיר זאָלן קענען מתפלל זיין אין ראש השנה און יום כיפור מיט טרערן, 'בבכי ודמעות שליש'.**

ער זאָגט אַ טעם דערפאַר, ווייל חז"ל זאָגן דאָך (ברכות לב:) אַז די טויערן פון טרערן זענען קיינמאָל נישט פאַרשלאָסן געוואָרן, און אויב מיר ווילן אויס'פועל'ן פאַר זיך אַ שנה טובה ומתוקה מיט אונזערע תפילות אין ראש השנה און יום כיפור, דורך דעם וואָס די תפילות וועלן אַרויפגיין אין הימל און אָנגענומען ווערן דאָרט מיט ליבשאַפט פאַר'ן 'מלך שומע תפילה' - מוז מען מתפלל זיין דערויף מיט געוויין.

הרה"ק רבי מרדכי'לע נאַדבורנער זי"ע האָט געזאָגט, אַז **דער עיקר פונעם דין אין ראש השנה איז וועגן די תפילות אין חודש אלול, וויפיל מ'האָט מתפלל געווען און ווי אַזוי מ'האָט מתפלל געווען, און צי מ'האָט געזאָגט אַסאַך קאַפּיטלעך תהלים.**

**איז** דער צל"ח מוסיף, די גמרא זאָגט (קידושין סו:) אַז כאָטש איין עד איז נישט באַגלייבט, אָבער אויף 'מומין שבגופו' איז איינער אליין, יאָ באַגלייבט, און לויט ווי פריער געזאָגט אַז דורך די עבירה איז דער מענטש גורם ער זאָל באַקומען 'מומין' אין זיין גוף ח"ו אַזוי ווי אַ בלינדער אדער טויבער רח"ל, אויב אַזוי, קען דער שטן ברענגען בלויז די זון אַלס 'עד אחד'.

**וואס** איז די עצה דערצו - זאָגט ווייטער דער צל"ח - 'והיה לפנות ערב', ביים סוף פונעם יאָר, 'ירחץ במים' - זאָל דער מענטש זיך גוט 'אָפוואַשן' מיט וואַסער, דאָס הייסט ער זאָל 'אויסוואַשן' זיין נפש רוח ונשמה, מיט טרערן פאַר דעם אויבערשטען, און ער זאָל זיך אָפריינִיגן פון יעדן פגם, און ממילא וועלן זיך אָפּטוהן אַלע פגמים פון זיין גוף. 'וכבוא השמש' - ווען די זון וועט קומען עדות זאָגן אַליין קעגן די אידן, וועט מען נישט אָננעמען זיין עדות, און די אידן וועלן זוכה זיין אַריינצוקומען 'אל תוך המחנה', אין די 'מחנה שכינה', און זיי וועלן אַרויסגיין פול מיט זכותים בדין[ט]. (דרושי הצל"ח דרוש א, אות ו-ח)

**'תחילה** למקראי קודש', די ערשטע זאַך פאַר אַ איד צו טוהן, איז זיך צו שטאַרקן אין דעם היינטיגן שבת, שבת סליחות, ווי הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע שרייבט (נצו"י תרנ"ח) אַז באמת דאַרף מען זיך שטאַרקן אין לעצטן שבת פונעם יאָר', אַזוי ווי חז"ל זאָגן אַז אויב די אידן וואָלטן געהיטן איין שבת וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן, 'ויכולה שבת שתרחם' (שבת יב.), עכ"ל[יא].

**נאָך** מער חיזוק דאַרף מען האָבן ערב ראש השנה - דער לעצטער טאָג פון יאָר, ווי צדיקים האָבן געזאָגט (געברענגט אין 'ליקוטי הרי"ם', ערב ראש השנה) אויף די ווערטער פון חז"ל (ר"ה ב:) 'יום אחד בשנה חשוב שנה'. איין טאָג אין יאָר, ווערט גערעכענט אַזוי ווי אַ גאַנץ יאָר. די גמרא זאָגט דער דין ביים אויסרעכענען די יאָרן פון די קעניגן (אין די שטרות), אַז דער קעניג וואָס ער איז געקרוינט געוואָרן אַלס קעניג אַפילו אין לעצטן טאָג פונעם יאָר, ווערט דער מאָרגנדיגער טאָג גערעכנט ווי דער ערשטער טאָג פונעם צווייטן יאָר.

**דאָס** זעלבע איז בנוגע די מלוכה פונעם באַשעפער, דער 'מלך מלכי המלכים'. דער מענטש וואָס נעמט אויף זיך עול מלכות שמים אין ערב ראש השנה, וועט עס איהם גערעכנט גלייך ווי דאָס גאַנצע יאָר איז אַריבער אויף איהם מיט קבלת עול מלכות שמים[יב],

---

**ט.** מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט אין די פריערדיגע יאָרן, וואָס הרה"ק רבי ישראל אברהם מטשארני אוסטראה זי"ע (אַ זון פון הייליגן רבי'ן רבי זושא זי"ע פון האניפּאָלי) האָט געזאָגט, **אַז די בעסטע עצה אַרויסצוגיין זכאי ביים דין, איז אַז אין די דריי טעג פאַר דעם 'יום הדין' זאָל דער מענטש נישט האָבן קיין שום שייכות מיט'ן יצר הרע**, ווייל מיר פסק'ענען ביי הלכות עדות (סנהדרין כז: שו"ע חו"מ סימן ז, ס"ז) אַז דער דיין קען משפט'ן זיין גוטן פריינט, אָבער נישט זיין שונא. וואָס הייסט אַ 'שונא', וואָס ער קען איהם נישט משפט'ן? זאָגט די גמרא, אויב ער האָט נישט גערעדט מיט איהם דריי טעג צוליב אַ שנאה וואָס איז דאָ צווישן זיי, און די גמרא זאָגט (ברכות סא:) אַז די צדיקים טוט דער יצר הרע זיין משפט'ן, און די רשעים, משפט זיי דער יצר הרע. ממילא, איינער וואָס האָט נישט גערעדט מיט זיין יצר, דער שטן, דריי טעג צוליב אַ קריגעריי צווישן זיי, איז דער שטן פסול צו ווערן זיין דיין, און אַזוי וועט ער אַרויסגיין זכאי ביים דין. דאָס איז אָבער אַלעס מיט אַ 'תנאי קודם למעשה', אַז אין די 3 טעג זאָל ער איהם אינגאַנצן איבערלאָזן, און נישט האָבן קיין שום שייכות מיט'ן יצר הרע, 'מטוב ועד רע'. (געברענגט אין ספר 'דעת זקנים')

**י.** דער 'לבוש' שרייבט (סי' תכח, ס"ד) אַז מ'לייענט די פרשה פון 'אתם נצבים' שבת פאַר ראש השנה, ווייל דער ענין פון תשובה ווערט דאָרט אַסאַך מאָל דערמאַנט.

**יא.** אַזוי ברענגט הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע (פ' נצבים וילך, סוף אות א) אין נאָמען פון פריערדיגע צדיקים, אַז אַזוי ווי אַ שטעקן, ווען מ'הייבט איהם אויף אַפילו נאָר ביים עק, הייבט זיך אויף דער גאַנצער שטעקן, אַזוי אויך **דער שבת פאַר ראש השנה, ביים 'עק' פונעם פריערדיגן יאָר, דורך דעם וואָס מ'הייבט זיך אויף און מ'דערנענטערט זיך צום באַשעפער, הייבט מען אויף דערמיט דאָס גאַנצע יאָר**, דורך אמת'ע תשובה פון טיפן האַרצן.

**יב.** דאָרט ברענגט ער, אַז ער האָט דאָס געזאָגט צו אַ חסיד ערב ראש השנה פאַרנאַכטס, צוגעבנדיג אַז 'מקצת היום ככולו'. ממילא, **קען מען אין דער לעצטער 'סעקונדע' פון יאָר, פאַררעכטן דאָס גאַנצע יאָר, ווען מ'טוט תשובה פון טיפן האַרצן.**

און אויך אין די לעצטע סעקונדעס פונעם יאר[יג], איז א מענטש נאך בכח זיך אפצורייסן אינגאנצן פון דעם יצר הרע, אין איין רגע ממש! אזוי ווי דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הלכות תשובה פ"ב ה"ב) וואס עס מיינט 'תשובה', אז דער חוטא זאל אפלאזן זיין חטא און עס אפטוהן פון זיין געדאנק, און ער זאל אפמאכן ביי זיך אין הארץ אז ער וועט עס מער נישט טוהן.

**דער** 'טור' שרייבט (או"ח הלכות ר"ה, סי' תקפא) אז מ'פירט זיך אין די מדינות פון אשכנז, צו פאסטן אין ערב ראש השנה. ער ברענגט א סמך דערצו פון מדרש ר' תנחומא, א משל צו א לאנד וואס איז געווען שולדיג שטייערן פאר דעם קעניג און זיי האבן איהם נישט באצאלט, איז דער קעניג געקומען מיט זיין ארמיי איינצומאנען די שטייערן. ווען ער האט זיך דערנענטערט צו דעם לאנד צען פרסאות, זענען די גרויסע און חשוב'ע פונעם לאנד אנטקעגן געגאנגען דעם קעניג און זיי האבן זיך צו איהם געבעטן, מיר האבן נישט וואס דיר צו געבן, זיי אונז מוחל. האט ער זיי נאכגעלאזט א דריטל פונעם חוב.

ווען דער קעניג איז אנגעקומען נאך נענטער צו זייער לאנד, זענען די 'בינונים' - די מיטלמעסיגע לייט פון לאנד - איהם אנטקעגן געגאנגען, און אויך זיי האבן איהם געבעטן אז זיי האבן נישט קיין געלט צו באצאלן דעם חוב פון די שטייערן. האט ער זיי מוחל געווען דעם צווייטן דריטל פונעם חוב. ווען ער איז אנגעקומען נאך נענטער, זענען אלע שטאט-לייט איהם אנטקעגן געגאנגען, און דאן האט ער זיי מוותר געווען דעם גאנצן חוב.

**דאס** זעלבע איז מיט'ן גרויסן קעניג, דער אויבערשטער ברוך הוא. די מענטשן פונעם לאנד, דאס זענען די אידן וואס זינדיגן לוידער א גאנץ יאר און יעצט ביים סוף פונעם יאר זענען זיי שולדיג א גרויסן חוב. ערב ראש השנה, פאסטן די גרויסע לייט[יד], און דער אויבערשטער איז מוחל א דריטל פון זייערע עבירות. אין די צען טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור, פאסטן די 'בינונים', און דער אויבערשטער איז מוותר צוויי-דריטל פון דעם 'חוב'. אין יום כיפור פאסטן אלע אידן, דאן איז דער אויבערשטער זיי אלעם מוותרה[טו].

---

**יג.** הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע האט געזאגט אויף דעם וואס מיר בעטן ביי תפילת מנחה ערב ראש השנה פארנאכטס, 'ברך עלינו את השנה הזאת' (לכאורה, מ'האלט דאך שוין ממש ביי די לעצטע מינוטן פונעם יאר, וואס בעט מען נאך אויפ'ן יאר אז עס זאל געבענטשט ווערן), ווייל 'ישועת ה' כהרף עין', און **אין איין סעקונדע ממש וועט אנטדעקט ווערן למפרע אז דאס גאנצע פארגאנגענע יאר איז געווען צום גוטן.**

דער אמת איז אבער, אז ס'איז בכלל נישט קיין קשיא פארוואס מ'בעט 'ברך עלינו ה' אלוקינו את השנה הזאת', ווי איינע פון די גדולי ירושלים האט דערציילט, אז ס'איז געווען א איד וואס ס'איז איהם אייביג שווער געווען די קשיא, פארוואס דארף מען מתפלל זיין אז דער אויבערשטער זאל בענטשן 'את השנה הזאת', ערב ראש השנה פארנאכטס, ווען דאס יאר האלט זיך שוין ביים ענדיגן. איין יאר, אבער, נאך דעם ווי ער האט געדאווענט מנחה, האט ער באקומען א מעלדונג פון אמעריקע (וואו די צייט איז אפגערוקט פון ארץ ישראל מיט זעקס אדער זיבן שעה, אזוי אז אין אמעריקע איז דעמאלס נאך געווען פארמיטאג) אז אלע זיינע גרויסע געשעפטן אין אמעריקע זענען געגאנגען צוגרונד רח"ל אין א סעקונדע. זינט דעמאלס, האט ער שוין גוט פארשטאנען ווי מ'דארף בעטן אויך אויף יענע געציילטע שעה'ן און מינוטן, אז עס זאל נישט פאסירן מיט איהם קיין שום שטרויכלונג אדער צרה ח"ו.

ענליך האט הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, אין נאמען פון זיין טאטן, הרה"ק בעל 'אהבת ישראל' זי"ע, אז דערפאר בעטן מיר אויף 'השנה הזאת', צו ווייזן אז **אן דער הילף פונעם באשעפער קענען מיר גארנישט טוהן, לא לטב ולא למוטב, און יעדע רגע דארפן מיר אנקומען צו סייעתא דשמיא, און צו א 'ברכת השנים'.**

**יד.** דער גאון בעל 'חתם סופר' זצ"ל שרייבט אין זיין 'גליון' אויף שולחן ערוך (סי' תקפא) 'והגדולים המתבטלים ממלאכת שמים אינם מתענים בשארי ערב ראש חודש, רק בערב ראש השנה, לקבל פני המלך יתברך שמו'. די גרויסע לייט וואס טוהען נישט אין 'מלאכת שמים' א גאנצן טאג, פאסטן נישט יעדן ערב ראש חודש, נאר ערב ראש השנה, אויפצונעמען דעם גרויסן קעניג יתברך שמו.

**טו.** מיר הויבן אן די פסוקים פון "מלכיות" אין ראש השנה, מיט די ווערטער "על כן נקוה לך ה' אלקינו". דארף מען פארשטיין, די דאזיגע פסוקים זענען דאך געזאגט געווארן דורך עכן, און זיין נאמען איז טאקע מרומז אין די ראשי תיבות פון די ווערטער ע'ל כ'ן נ'קוה ("סדר היום", בשם ספר "תולעת יעקב"). איז שווער, די גמרא זאגט (סנהדרין

קומט אויס פון די ווערטער פון מדרש תנחומא, אַז ערב ראש השנה, איז שוין אַ חלק פון די כפרה צו וועלבע אידישע קינדער זענען זוכה אין די יעצטיגע פאָרכטיגע טעג[טז].

**במוצאי מנוחה - די געהויבענע ימי סליחות, ספעציעל דער ערשטער טאָג**

**ווען** מיר האַלטן שוין ביי די טעג פון 'סליחות' - 'שבת סליחות'[יז] - ווערט אפילו אַ 'האַרץ פון שטיין'

---

מד.) אַז עכן האָט עובר געווען אויף די האַרבסטע עבירות, אויב אַזוי, פאַרוואָס דערמאַנט מען זיין נאָמען באַלד ביים אָנהייב פון "מלכיות"?...

איז דער תירוץ, **אדרבה, דאָס קומט צו ווייזן אַז אין דעם טאָג פון ראש השנה** (און אַזוי אויך אַ גאַנץ יאָר) **איז אפי' דער נידעריגסטער איד בכח צו מאַכן קעניגן דעם אויבערשטען איבער זיך, אַזוי ווי ער וואָלט באמת קיינמאָל נישט געזינדיגט, ווייל דער אויבערשטער קוקט אַרויס אויף די תשובה פון יעדן איד, יהיה מי שיהיה!**

**טז.** עס ווערט דערציילט (ילקוט מאורי אור) אַז אַ איד האָט אַמאָל צווי וואָכן פאַר ראש השנה, געזאָגט צו הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער זי"ע, 'רבי, דער אויבערשטער זאָל העלפן, עס זאָל שוין זיין 'תכלה שנה וקללותיה'. האָט הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער איהם געענטפערט: 'דער אויבערשטער זאָל העלפן עס זאָל שוין זיין 'תכלה שנה **בברכותיה**'... - דאָס יאָר זאָל זיך אויך ענדיגן מיט ברכות.

אַזוי פלעגן אויך די אמשינאָווער צדיקים, אָנווינטשן **אַ גוטן 'אחרית שנה'**, אַז אויך דער 'אחרית שנה' זאָל זיין גוט...

**יז.** שבת איז די בעסטע הכנה און הקדמה צו די סליחות - 'במוצאי מנוחה', ווי עס שרייבט דער 'לקט יושר' (או"ח ח"א ע' קיח) אַ טעם פאַרוואָס מ'הייבט אָן זאָגן סליחות דייקא מוצאי שבת, ווייל אין דעם טאָג פון שבת לאָזט דער מענטש זיך אָפּ פון אַלע זיינע געשעפטן צו לערנען תורה, און די תורה דערפרייט דאָך דאָס האַרץ פון דער וואָס לערנט איר [אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יט, ט) 'פקודי ה' ישרים משמחי לב'], און אויך פרייען זיך אידן מיט 'עונג שבת'. מיר ווייסן דאָך אַז 'אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה של מצוה' (שבת ל:), וועגן דעם האָט מען מתקן געווען אָהנצוהייבן די **'סליחות' מתוך שמחה של מצוה.**

דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָס מיר זאָגן ביים אָנהייב פון די סליחות, 'איך נפתח לפניך פה דר מתוחים, באלו פנים נשפוך שיחים', ווייל שבת האָט דאָך יעדער איד אַן אַנדערן פנים ווי אין די וואָכן-טעג, ווי חז"ל דרש'ענען (ב"ר פי"א, ב) אויפ'ן פסוק (בראשית ב, ג) 'ויברך אלוקים את יום השביעי ויקדש אותו', אַז דער אויבערשטער האָט געבענטשט און געהייליגט דעם שבת מיט אַ 'מאור פנים', וואָס דער פנים פון יעדן איד שיינט אין שבת מער ווי אינדערוואָכן, 'אינו דומה מאור פניו של אדם בחול למאור פניו בשבת'. דעריבער, נאָך דעם ווי עס איז אַדורכגעגאַנגען דער שבת'דיגער טאָג און מיר זענען געבענטשט געוואָרן מיט אַ שיינענדיגן פנים, זאָגן מיר 'באלו פנים נשפוך שיחים', **מיר ווילן אַריינקומען אין די טעג פון סליחות מיט'ן 'פנים' פון שבת קודש** (זעה ס' מהרי"ד מבעלזא, פ' נצבים).

הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע האָט אויך געזאָגט, חז"ל זאָגן (שבת קיט:) אַז דער מענטש וואָס זאָגן 'ויכולו' אין שבת, רעכנט איהם דער אויבערשטער ווי ער וואָלט געוואָרן זיין שותף אין די בריאה. די סדר איז, אַז פאַר אַ שותף פאַרמאַכט מען נישט די טיר. דעריבער, נאָך שבת, ווען מיר האָבן עדות געזאָגט אויף בריאת שמים וארץ מיט'ן זאָגן דעם פסוק 'ויכולו השמים והארץ וכל צבאם', און **מיר זענען געוואָרן שותפים פון דעם אויבערשטען כביכול, קענען מיר בעטן דער אויבערשטער זאָל אונז מוחל זיין**, ווייל ער וועט אונז זיכער ענטפערן.

ממילא, דאַרף יעדער בר דעת פאַרשטיין צו **'אינוועסטירן' אין דעם הייליגן שבת וואָס איז אונז נאָך פאַרבליבן אינעם היינטיגן יאָר, מיט עסק התורה און תפילה בשירות ותשבחות**, ווייל עס איז 'תחילה למקראי קודש', און מיט איר כוח קענען מיר זוכה זיין צו תשובה שלימה צום באַשעפער ברוך הוא, 'ואל אלוקינו כי ירבה לסלוח'.

אויך איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער 'סידורו של שבת' (השורש הראשון), אַז שב"ת איז ראשי תיבות **ש**'בת **ב**'ו **ת**'שוב, און אַזוי ברענגט דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע ('דברי אמת', פ' מטות), אַז ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע, אַז שבת איז דער שורש פון תשובה. 'שבת' איז פון לשון 'שובו'.

אַזוי שרייבט הרה"ק בעל התניא זי"ע ('אגרת התשובה', פ"י) אַז דאָס וואָרט שבת האָט די זעלבע אותיות ווי 'תשב' אנוש, ווייל שבת איז אין דער בחינה פון 'תשובה עילאה'.

לויט דעם זאָגן די ספרים אַ טעם פאַר דעם וואָס מ'הייבט אָן זאָגן סליחות מוצאי שבת, ווייל **די קדושה פונעם שבת העלפט אַז מ'זאָל קענען טוהן תשובה שלימה באמת ובתמים.** נאָך 'הרוצה בתשובה', קען מען בעטן 'סלח לנו'...

נתעורר צו תשובה, ווי הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (ישעיה מב, יח) 'החרשים שמעו והעיוורים הביטו לראות'. די טויבע זאָלן הערן, און די בלינדע זאָלן קוקן צו זעהן. דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי קען אַ מענטש וואָס איז טויב ל"ע, הערן מיט זיינע אויערן, און ווי אַזוי קען אַ בלינדער 'קוקן צו זעהן'[יח]?

**ענטפערט** דער 'חידושי הרי"ם', אַז ס'זענען דאָ זמנים וואָס זענען אַזוי הויך, אַז אַפילו אַ טויבער מענטש הערט דעמאָלס, און דער בלינדער מענטש זעהט! (געברענגט אין ספר 'שיח שרפי קודש')

**לענינינו** קען מען זאָגן, ווען עס קומט 'שבת סליחות', קען מען שוין נישט אַנטלויפן און זאָגן 'שלום עלי נפשי', נאָר יעדער איינער דאַרף זיך אָנכאַפּן אינעם 'רעטונגס-ברעט' - תשובה, תפילה און צדקה. 'שובו אלי ואשובה אליכם'.

**דער** 'לקט יושר' שרייבט (הלכות תעניות, אות יב, ע' קיד) אַמאָל האָב איך געבעטן פון מיין רבי'ן - דער בעל 'תרומת הדשן' - ער זאָל מיר געבן אַ היתר צו עסן אין די טעג פון סליחות, כדי איך זאָל קענען לערנען געהעריג אַזוי ווי אין די אַנדערע טעג. האָט דער רבי מיר געזאָגט: די קדמונים ווייסן אויך פון דעם אַז אַ תענית שטערט דעם מענטש פון לערנען, און פונדעסטוועגן, האָבן זיי מתקן געווען מ'זאָל פאַסטן אין די טעג פון סליחות, כאָטש מ'קען דורך דעם נישט לערנען אַזוי ווי אין די אַנדערע טעג פונעם יאָר, און דעריבער גיב איך דיר נישט אַ היתר צו עסן.

**אין** אנדערע ווערטער מיינט דאָס, אַז די יעצטיגע טעג זענען אַנדערש אין זייער מהות, פון די אַנדערע טעג פון יאָר[יט]. קען מען זאָגן, אַז כאָטש די צייטן האָבן זיך געטוישט און היינט פסק'ענט מען נישט פאַר'ן ציבור אַז יעדער זאָל פאַסטן, פונדעסטוועגן, דאַרפן מיר וויסן אַז די יעצטיגע טעג זענען אַנדערש פון אַלע טעג פונעם יאָר, און יעדער איינער אויף זיין אופן, זאָל פאַרבעסערן זיינע וועגן, צו זיין גוט בתכלית[כ].

**דאָס** איז באַזונדער נוגע צו דעם ערשטן טאָג סליחות[כא], ווי דער 'טור' (סי' תקפ"א) שרייבט, אַז רוב ציבור

---

אַזוי שרייבט אויך דער חיד"א זי"ע, אין ספר 'נחל קדומים', אויפ'ן פסוק (דברים ל, ב) 'ושבת עד ה' אלוקיך'. 'ושַבתָ' האָט די זעלבע אותיות ווי 'ושַבָּת'. דאָס איז אַ רמז אַז **תשובה קען קומען נאָר מיט שמירת שבת.**

**יח.** ער ברענגט דאָרט אין נאָמען פון קאָצקער רבי'ן זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט, דער נביא שרייט צו אונז, איר זאָלט נישט זיין טויב און בלינד, **ווייל עס ווענדעט זיך אין אייך** - נישט צו זיין טויב און בלינד...

**יט.** הגאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל אב"ד ירושלים, אין שאלות ותשובות 'שלמת חיים' (או"ח סי' שכה) ענטפערט א תשובה פאַר אַ מלמד וואָס האָט איהם אָנגעפרעגט אַ שאלה, היות עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (יו"ד סי' רמה סי"ז, ברמ"א) אַז אַ מלמד פון קינדער טאָר נישט אויף בלייבן ביינאַכט צו לאַנג, פרעגט יענער מלמד אַ שאלה, וואָס ער זאָל טוהן מיט'ן אויפשטיין צו זאָגן סליחות, און **רבי יוסף חיים איז איהם נישט מתיר ער זאָל פאַרפעלן אויפצושטיין פאַרטאָגס צו סליחות.** זעהען מיר אַז די סליחות טעג האָבן אַן אַנדערן דין ווי אַלע אַנדערע טעג פון יאָר.

**כ.** אַ איד האָט אַמאָל געזאָגט צו הרה"ק רבי מרדכי'לע נאַדבורנער זי"ע, אַז וויבאַלד ער איז ראש השנה דער שליח ציבור, דאַרף ער 'איבערזעהן' דעם מחזור (זיך צוגרייטן צום דאַווענען). האָט הרה"ק רבי מרדכי'לע איהם געזאָגט:

**- דער 'מחזור' איז גענוי דער זעלבער ווי ער איז געווען פאַריאָר... ס'איז נישט אַריינגעקומען קיין טויש אינעם מחזור. ענדערש זאָלסטו זיך אַליין 'איבערקוקן', ווי איידער 'איבערזעהן' דעם מחזור...**

ענליך האָט דערציילט דער באַקאַנטער אַלטער אלכסנדר חסיד רבי משה בוים ז"ל פון בני ברק, אַז אַלס יונגערמאַן איז ער אַמאָל אַריינגעגאַנגען אינמיטן חודש אלול צו זיין רבי'ן, הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע, כדי זיך צו געזעגענען מיט איהם, איידער ער פאָרט אַהיים. האָט דער 'ישמח ישראל' געפרעגט רבי משה'ן, פאַרוואָס ער פאָרט אַהיים. האָט רבי משה געענטפערט: איך בין אַ 'בעל מתחיל'. האָט דער רבי איהם געפרעגט: וואָס מיינט אַ 'בעל מתחיל'? האָט רבי משה געענטפערט: אַ 'בעל מתחיל' מיינט דער וואָס איז דער שליח ציבור ביי 'פסוקי דזמרה'. האָט דער 'ישמח ישראל' איהם געזעגענט, און געזאָגט:

**- פאָר געזונטערהייט, אָבער געדענק מיט וועמען דו טוסט דאָ 'אָנפאַנגען'...**

**כא.** הרה"ק רבי אורי סטרעליסקער זי"ע האָט געזאָגט אַז **די כתיבה און חתימה פון ראש השנה און יום כיפור, הייבט זיך אָן דעם ערשטן טאָג סליחות.** ('אמרי קודש', ימים נוראים)

פאַסט דעם ערשטן טאָג סליחות. שרייבט אויף דעם דער 'אמרי פנחס' (אות תמ"ה) אַז הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט זייער שטאַרק מחמיר געווען ביי די טבילה פונעם ערשטן טאָג סליחות פאַרטאָגס, און ערב ראש השנה פאַרטאָגס, און ביידע טעג ראש השנה, אַזוי ווי ס'איז איינגעפירט, עכ"ל.

**דאָס** איז צוליב דעם ווייל די דאָזיגע טעג זענען אַנדערש פון די אַנדערע טעג פון יאָר מיט זייער מהות[כב].

---

**כב.** די בעלזער צדיקים זי"ע האָבן איינגעפירט אַלס אַ 'חק ולא יעבור', אַז **מ'זאָל אויסזאָגן גאַנץ תהלים אין ערשטן טאָג סליחות.**

בערוב ימיו פון פריערדיגן בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע, האָבן די משמשים איהם אַמאָל געוואָלט צוריקהאַלטן פון אַריינקומען אין בית המדרש דעם ערשטן טאָג סליחות צו זאָגן תהלים בציבור. דער בעלזער רב האָט זיך אָבער געשטאַרקט און איבער זיינע כוחות, איז ער אַריינגעקומען אין ביהמ"ד צו אמירת תהלים. שפּעטער האָט דער בעלזער רב געזאָגט צו זיינע משמשים:

**- ווי אַזוי האָט איר געהאַט אַ 'הוה אמינא' צוריקצוהאַלטן פון מיר די גרויסע התעוררות פונעם 'יהי רצון' נאָכ'ן זאָגן תהלים.**

אויך האָט ער געזאָגט, אַז **זיין האָרעוואַניע ביי די 'עבודה' פון דעם טאָג, איז גרעסער פון זיין יגיעה און האָרעוואַניע אין די הייליגע טעג ראש השנה און יום כיפור.**

אַ איד איז אַמאָל אַריינגעקומען צו אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע (אין דער תקופה וואָס ער האָט געוואוינט אין תל אביב) און איהם דערציילט אַ מעשה וואָס זיין זיידע האָט געהאַט מיט'ן רבינ'ס זיידן, הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע, ווי פאָלגענד.

ווי באַקאַנט, איז הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע געווען אַ תלמיד פון הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע. אַמאָל איז ער אַהיימגעגאַנגען צופוס פון לובלין קיין לעלוב, ווייל ער האָט נישט געהאַט אַפילו עטליכע פרוטות צו באַצאָלן פאַר אַ בעל עגלה. אינמיטן וועג, האָט אַ איד זיך אָפּגעשטעלט מיט זיין וואָגן נעבן רבי דוד'ל, און איהם געפרעגט ווי ער גייט. האָט רבי דוד'ל איהם געענטפערט אַז ער גייט אַהיים קיין לעלוב. האָט דער איד איהם איינגעלאַדן אַרויפצוקומען אויף זיין וואָגן, און מיטפאָרן מיט איהם, ווייל ער וואוינט אין אַ דאָרף נעבן דער שטאָט לעלוב, און אויפ'ן וועג וועט ער זיך אָפּשטעלן און איהם אַראָפּלאָזן אין לעלוב.

ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין לעלוב, האָט רבי דוד'ל באַדאַנקט דעם איד, און געזאָגט: 'איך האָב אַ בית המדרש דאָ אין לעלוב, און איך בעט פון דיר, דו זאָלסט קומען צו מיר דעם ערשטן טאָג סליחות'. האָט דער איד געטראַכט: 'אָה, קוים האָב איך איהם געטוהן אַ טובה, און שוין וויל ער מיך אויסנוצן אַז כ'זאָל קומען משלים זיין צו מנין ביי איהם אין שול'... ער האָט באַשלאָסן אויפ'ן אָרט, אַז ער וועט נישט פאָרן קיין לעלוב צו סליחות.

דעם ערשטן טאָג סליחות אינדערפרי, איידער מ'האָט אָנגעהויבן זאָגן סליחות, האָט רבי דוד'ל לעלובער זיך אומגעקוקט אין ביהמ"ד אויף אַלע זייטן, און ער האָט נישט געפונען וואָס ער האָט געזוכט. איז ער צוריק אַריין אין זיין צימער. אַזוי האָט פּאַסירט עטליכע מאָל איינס נאָכ'ן אַנדערן. הרה"ק רבי דוד'ל איז אַרויסגעקומען פון זיין צימער, זיך אומגעקוקט צווישן דעם עולם, און ווען ער האָט נישט געזעהן וואָס ער האָט געזוכט, איז ער צוריק אַריינגעגאַנגען אין צימער.

אינצווישן האָט דער איד זיך באַרעכנט: דער לעלובער רבי איז דאָך אַ הייליגער מאַן, און סך-הכל, האָט ער מיך געבעטן צו קומען זאָגן סליחות ביי איהם. דאָס איז דאָך נישט פאַר מיר אַזאַ גרויסע טירחא, פאַרוואָס זאָל איך טאַקע נישט נאָכגעבן זיין בקשה... דער איד איז אַרויף אויף זיין וואָגן, און ער איז צוגעפאָרן קיין לעלוב, צום בית המדרש פון הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער.

דאָס קומענדיגע מאָל, ווען רבי דוד'ל האָט 'געזוכט' צווישן דעם עולם און געזעהן דעם איד שטיין דאָרט, איז ער צוגעגאַנגען צום עמוד זאָגן סליחות. נאָך סליחות האָט ער געזאָגט צו דעם איד: פאַראַנגענעם יאָר האָסטו מיר געטוהן אַ גרויסע טובה, האָב איך דיך געוואָלט בענטשן און משפיע זיין אויף דיר אַ גרויסע שפע. האָב איך דיך אַלזאָ גערופן אַז דו זאָלסט קומען **דעם ערשטן טאָג סליחות, ווייל ס'איז יעצט אַ גרויסער עת רצון אין הימל.** יעצט וועל איך דיך בענטשן, אַז דו און דיינע קינדער זאָלן האָבן גרויס עשירות, און זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים!

### מלך על כל הארץ - זוכה זיין ביים משפט דורך שטאַרקן די אמונה

די גמרא זאָגט (ר"ה טז.) דער אויבערשטער זאָגט, 'אמרו לפני מלכויות, כדי שתמליכוני עליכם'.

**דאָס** איז דער יסוד פונעם יו"ט ראש השנה, דער בוכ"ע בעט פון אונז, אז אין די טעג זאלן מיר זיך מחזק זיין און חזר'ן אמונה, אז דער אויבערשטער איז דער קעניג איבער דער גאַנצער וועלט[כג], 'עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'. ס'איז נישט דאָ אַ זאַך וואָס פאַסירט אויף דער וועלט, וואָס ווערט נישט געטוהן מיט'ן רצון פון דעם באַשעפער און קיין שום זאַך איז נישט פאַרהוילן פון זיינע אויגן.

**און** אויף דעם זאָגט דער אויבערשטער: 'אמרו לפני מלכויות' - אין די טעג זאָלט איר כסדר איבער'חזר'ן דעם יסוד פון 'ומלכותו בכל משלה', אַז דער אויבערשטער איז דער 'מלך יושב על כסא רם ונשא', ביז די זאַכן וועלן אַריינדרינגען אין האַרץ, און עס זאָל זיין אַ בחינה פון 'כל עצמותי תאמרנה', אַז 'מלכותך מלכות כל עולמים וממשלתך בכל דור ודור'.

די ספרים זאָגן איבער דעם ענין, וויבאַלד דער אויבערשטער וויל אַז מיר זאָלן זוכה זיין ביים משפט, און מיר זאָלן זוכה זיין צו אַלע גוטע השפעות בגשמיות און ברוחניות פאַר'ן גאַנצן יאָר הבא עלינו לטובה, האָט ער אונז געגעבן די עצה און דעם כח אַז מיר זאָלן קענען זוכה זיין צו 'זכרינו לחיים'. ווי אַזוי? 'אמרו לפני מלכויות' - איר זאָלט זיך האַלטן פעסט ביי די אמונה. 'כי ממנה תוצאות חיים'. אמונה איז דער מקור פון לעבן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט קלאָר (חבקוק ב, ד) 'וצדיק באמונתו יחיה'. אמונה איז בכח ממתיק צו זיין אַלע דינים[כד], און ממשיך צו זיין אַסאַך רחמים, עס זאָל אונז אייביג גוט זיין.

---

דער איד האָט אויסגעפירט זיין מעשה צו אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי זי"ע, 'איך בין אַן אור-אייניקל פון דעם איד וועמען אייער זיידע, הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע, האָט געבענטשט, און כ'קען עדות זאָגן אַז די ברכה פון אייער זיידן איז פולשטענדיג מקוים געוואָרן ביי אונזערע משפחה. אין משך פון די דורות איז אונזער עשירות פילפאַכיג געוואַקסן, און אַלע האָבן געלעבט לאַנגע געזונטע יאָרן.

על כל פנים, זענען מיר אויך פון די מעשה, די גרויסקייט און חשיבות פון דעם ערשטן טאָג סליחות, אַז רבי דוד'ל האָט געהייסן דעם איד קומען דייקא דעמאָלס צו איהם, כדי ער זאָל איהם קענען מענטשן מיט די גוטע ברכות, אַלס הכרת הטוב פאַר דעם חסד וואָס ער האָט געטוהן מיט איהם.

**כג.** אַזוי שרייבט דער גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זי"ע (יערות דבש', ח"ב, דרוש א', און דער מקור דערפון איז אין 'תנא דבי אליהו', זוטא, כב), אַז די 'עשרת ימי תשובה' זענען אַנטקעגן די 'עשרת הדברות'. דער ערשטער טאָג ראש השנה איז אַנטקעגן 'אנכי ה' אלוקיך', וואָס איז דער שורש פון די מצוה פון אמונה אין דעם באַשעפער, און דער צווייטער טאָג ראש השנה איז אַנטקעגן 'לא יהיה לך אלהים אחרים' - צו לייקענען אין די עבודה זרה. און וויבאַלד ביידע דיברות האָבן איין ענין, ווערן ביידע טעג פון ראש השנה גערעכענט אַזוי ווי איין קדושה, און ווי איין 'יומא אריכתא'.

**כד.** הרה"ק בעל 'דמשק אליעזר' זי"ע פון וויזשניץ, האָט געטייטשט דעם פסוק (תהלים יז, ב) 'מלפניך משפטי יצא, עיניך תחזינה מישרים'. דער אויבערשטער זאָגט צו דעם מענטש: **'מלפניך'** - דו קענסט איבערוועגן, ווי אַזוי עס זאָל זיין, **'משפטי'** - מיין משפט מיט דיר. ער גיט אָבער צו אַ תנאי: **'עיניך תחזינה מישרים'** - דו זאָלסט קוקן אויף יעדער זאַך מיט אַן אויג פון אמונה.

הרה"ק רבי משה לייב סאַסובער זי"ע האָט געזאָגט בדרך מליצה אויפ'ן פסוק (תהלים לג, כב) 'יהי חסדך ה' עלינו כאשר יחלנו לך'. **רבונו של עולם, מיר בעטן פון דיר, דו זאָלסט אונז געבן אַ גוט און זיס יאָר. און כאָטש דו זעהסט נישט אין אונז קיין שום מעלה:** 'כאשר יחלנו לך' - **פונקט אַזוי ווי מיר האָפען און קוקן אַרויס צו דיר מיט'ן גאַנצן האַרץ, כאָטש מיר זעהען דיך נישט** - 'כי לא יראני האדם וחי'. **פונדעסטוועגן, האָבן מיר אַ שטאַרקע אמונה אין דיר, און אַזוי זאָלסטו אויך טוהן גוטס מיט אונז.** (ספר 'ליקוטי הרמ"ל השלם', אות ה)

אַ חשוב'ער יונגערמאַן דערציילט, אַז ער האָט זייער געוואָלט 'קויפן' אַ זיץ אין דער שול וואו ער דאַווענט, אויף די ימים נוראים פון יאָר תשפ"ג, כדי ער זאָל קענען דאַווענען מיט ישוב הדעת און מנוחת הנפש. ער זאָל זיך נישט דאַרפן אַרומוואַלגערן פון איין אָרט צום אַנדערן... ליידער, האָט ער אָבער נישט געהאַט אין זיין באַזיץ דעם סכום וואָס עס קאָסט אַזאַ זיץ, און ער האָט געמוזט מוותר זיין אויפ'ן פלאַץ, ער האָט נישט געקויפט. ער האָט זיך

**דער** זוהר הקדוש (ח"ג קנט.) זאָגט אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כט, כח) 'הנסתרות לה' אלוקינו'. מיר האָבן נישט וואָס נאָכצופאָרשן די 'נסתרות' - באַהאַלטענישן, ווייל ווער קען דען פאַרשטיין און משיג זיין די טיפקייט פון דעם באַשעפער'ס דעה, וואָס איז באַהאַלטן פון אַלעמענ'ס אויגן. מיר דאַרפן זיך נאָר שטאַרקן מיט אמונה פשוטה אין דעם באַשעפער, אבינו אב הרחמן[כה], וואָס ער פירט די וועלט מיט חסד. 'המנהג עולמו בחסד, ובריותיו ברחמים'.

**אין** דער היינטיגער סדרה לייענען מיר: 'ואמרו כל הגוים, על מה עשה ה' ככה לארץ הזאת' וגו' (כט, כג). די גוים וועלן פרעגן, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז די אידן זאָלן אַזוי לאַנג דאַרפן זיין אין גלות.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס דערמאָנט דער פסוק אַז די גוים וועלן פרעגן? די אידן וועלן זיך דאָך פונקט אַזוי וואונדערן אויף דעם שווערן גלות וואָס דויערט אַזוי לאַנג?

**ענטפערט** דער 'תפארת שלמה' (לר"ה, ד"ה 'ויאמר'), אַז די כוונה פון פסוק איז, אַז דווקא די גוים וועלן אָנהענגען און זאָגן אַז דער שווערער גלות איז, ווייל 'אשר עזבו את ברית אלוקי אבותם', ווייל די אידן האָבן געזינדיגט און פאַרדעם האָט דער אויבערשטער זיי פאַרשיקט אין גלות. אידישע קינדער זענען אָבער מאמינים בני מאמינים, אַז דער גלות איז אַ באַהאַלטענער ענין, וואָס דער פסוק זאָגט (כט, כח) 'הנסתרות לה' אלוקינו, והנגלות לנו ולבנינו לעשות את כל דברי התורה הזאת'. אידישע קינדער דאַרפן פאַרשטיין אַז

---

אָבער געשטאַרקט מיט בטחון אין דעם באַשעפער ברוך הוא, אַז דער 'כל יכול' איז אימשטאַנד איהם צו 'ערלעדיגן' אַן אָרט צום דאַווענען, אויך אַן דעם וואָס ער זאָל עס דאַרפן קויפן... במשך פון גאַנץ חודש אלול, האָט ער גערעדט צום אויבערשטען און געגלויבט מיט אמת'ע אמונה, אַז דער בוכ"ע וועט איהם זיכער העלפן.

ערב ראש השנה, ווען ער איז געקומען אין שול אַריין דאַווענען, און איז צוגעגאַנגען צו די 'מאפע' וואָס האָט געהאָנגען אין הויף פון דער שול, צו זעהן וואו מ'האָט איהם צוגעטיילט אַ פלאַץ, זייענדיג זיכער ביי זיך אַז ער האָט אַוודאי באַקומען אַ זיץ... זיין נאָמען האָט אָבער געפעלט אויף דער ליסטע פון די וואָס האָבן באַשטעלט אַן אָרט צו זיצן. האָט ער זיך בלית ברירה אַוועקגעשטעלט ביי איינע פון די אַדורכגעענג צווישן די שורות, זיך שטופנדיג צווישן די פילע בחורים וואָס האָבן דאָרט געדאַוונט...

פלוצלינג, האָט אַ יונגערמאַן איהם צוגערופן און איהם געזאָגט: 'פאַרוואָס דאַרפסטו זיך שטופן אין דעם דורכגאַנג, דו האָסטו דאָך אַ פלאַץ נעבן מיר... האָט ער זיך זייער געוואונדערט, ווי אַזוי איז מעגליך אַזאַ זאַך. האָט יענער איהם געזאָגט, 'גיב אַ קוק אויף דער ליסטע, וועסטו זעהן אַז דיין אָרט איז יאָ פאַרצייכנט אויף דער באַנק נעבן מיר'... איז ער אַ צווייטן מאָל געגאַנגען קוקן אויף דער ליסטע, און וואונדער איבער וואונדער: ביי אַלע ערטער, איז געשטאַנען דער נאָמען פון דעם מענטש וואָס פאַר איהם איז באַשטימט דאָס אָרט, און אויך דער נאָמען פון זיין שטאָט, וואו עס איז אויפגעקלעבט דערביי אַ 'סטיקער' מיט די ווערטער 'ימים נוראים תשפ"ג', אָבער ביי זיין אָרט שטייט, 'ימים נוראים **תשפ"ב**'... און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, **אַז האַי יאָר האָט מען 'בטעות' פאַרגעסן צו פאַרקויפן דעם דאָזיגן זיץ, און מ'האָט דאָרט איבערגעלאָזט דעם 'סטיקער' פון אַ יאָר פריער...**

זעהען מיר פון די מעשה, ווי אַזוי דער אויבערשטער, דער 'מסבב כל הסיבות', האָט איהם 'ערלעדיגט' אַן אָרט אויך אויב ער האָט עס נישט געקויפט דעם יאָר, אַדאַנק זיין אמונה, **ווייל דער אויבערשטער העלפט דעם מענטש אויף אַן אופן וואָס עס פאַלט גאָרנישט איין פאַר דעם מענטש אַז ער קען געהאָלפן ווערן אויף דעם וועג...** (אַוודאי קומען מיר נישט בזה צו זאָגן אַז דער מענטש איז נישט מחויב צו טוהן השתדלות און ערלעדיגן פאַר זיך אַ 'זיץ' אויף די ימים נוראים... נאָר אויב ער איז צוליב וועלכע סיבה נישט ביכולת עס צו טוהן, דאַרף מען זיך נאָר שטאַרקן מיט אמונה און וויסן אַז דער אויבערשטער וועט איהם אַוודאי העלפן, בפרט אַז 'אונס רחמנא פטריה'...).

**כה.** הגה"צ רבי משה מידנער זצ"ל, מגדולי חסידי סלאנים, זאָגט ('תורת אבות', ר"ה, אות יב) תקיעת שופר איז מרמז אויף אמונה, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה כב, כג) 'ותקעתיו יתד במקום נאמן'. און אויף דעם זאָגט די גמרא (ר"ה כז.) 'דיבק שברי שופרות פסול' - אַ שופר וואָס איז צוזאַם-געשטעלט פון צובראָכענע שטיקלעך איז פסול. **אמונה דורך חקירות און אַסאַך טענות** (אַזוי ווי אַסאַך צובראָכענע שטיקלעך פון שופרות) **איז אַ פסול'ע אמונה.** מ'דאַרף זיך שטאַרקן מיט אמונה פשוטה, אַזוי די תקיעה, וואָס גיט אַרויס אַ פשוט'ן קול.

דער גאַנצער גלות איז אַ באַהאַלטענער ענין, און אַז לעתיד וועט יעדער איינער ווייסן אַז אַלעם איז געווען לטובה, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים צו, יא) 'ישמחו השמים ותגל הארץ'[כו] וגו'. ותג"ל איז אותיות גלו"ת, עכ"ל.

דאָס לערנט אונז, אַז 'מפי עליון לא תצא הרעות'. אויך אַ זאַך וואָס זעהט אויס פאַר'ן מענטשליכן אויג ווי עס איז די גרעסטע צרה ח"ו וואָס ס'איז נישט דאָ איר'ם גלייבן[כז], אַזוי ווי דער ביטערער גלות אין

---

**כו.** פון די דאָזיגע פסוק ברענגט דער 'מאירי' ('חיבור התשובה', מאמר ב', פ"ז) אַ ראיה, **אַז ס'איז אַ מצוה צו זיין פרייליך אין ראש השנה** - **'ישמחו** השמים **ותגל** הארץ ירעם הים ומלואו, **יעלוז** שדי וכל אשר בו וגו', לפני ה' **כי בא לשפוט הארץ'** (תהלים צו, יא-יג).

דער 'שאגת אריה' (סי' קב) ברענגט אַ ראי' פון אַסאַך ראשונים, **אַז אַלע האַלטן אַז עס איז אַ מצוה מן התורה צו זיין פרייליך ראש השנה**, און אַזוי שרייבט דער 'משנה ברורה' (סי' תקצ"ז סק"א) להלכה. דער 'חתם סופר', אין זיינע הגהות אויף שולחן ערוך (סי' תקצ"ז) איז מדייק פונעם לשון פון דער משנה (ר"ה כט:) **'יום טוב של ראש השנה** שחל להיות בשבת', אַז **ראש השנה האָט אַ דין פון אַ יום טוב, און מ'איז דעמאָלס מחויב מקיים צו זיין די מצוה פון שמחה.**

דער טריסקער מגיד זי"ע זאָגט ('מגן אברהם', פ' כי תבא, ד"ה 'והיה'), לויט ווי די מקובלים שרייבן אַז דער 'צירוף' פון שם הוי' ב"ה וואָס שיינט אין חודש תשרי, איז 'והי"ה', און חז"ל זאָגן דאָך (ב"ר פמ"ב, ג) אַז איבעראַל וואו עס שטייט דאָס וואָרט 'והיה', איז עס אַ לשון פון שמחה. דאָס לערנט אונז, **אַז די עבודה אין חודש תשרי דאַרף געטוהן ווערן מיט פרייליכקייט.**

אַזוי זאָגט אויך דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע ('ליקוטי אמרי חיים'), אַז די ראשי תיבות פון די ווערטער מ'לכיות 'זכרונות ש'ופרות (מיט'ן 'כולל') איז בגימטריא 'שמ"ח' (348), כדי אונז צו לערנען, אַז כאָטש ראש השנה איז אַ טאָג פון דין, דאַרף מען דעמאָלס זיין פרייליך.

דער 'חתם סופר' זי"ע שרייבט אין זיינע דרשות (ז"ך אלול תק"ע) אַז כאָטש ראש השנה איז אַ פאָרכטיגער טאָג, ווען דער אויבערשטער טוט משפט'ן די וועלט, **איז עס אָבער נישט אַ טרויעריגער טאָג ח"ו, נאָר אדרבה, מיט אַ פרייליך האַרץביים תשובה טוהן מיט אהבה און דביקות, און מיט אַ געוויין פון שמחה** - היטיבו 'נגן' בתרועה.

זאָגט דער 'חתם סופר', **ב**'שמך י'גילון כ'ל **ה**'יום, איז ראשי תיבות בכי"ה, אָבער **עצבות און צובראָכנקייט 'לא יזכר ולא יפקד'**, ווייל עס איז פון די 'סיטרא דקליפה' און פון 'סיטרא דדינא', און מ'טאָר נישט מעורר זיין דינים ח"ו אין דעם טאָג, און דער נביא זאָגט בפירוש (נחמיה ח', י) 'ואל תעצבו, כי חדות ה' היא מעוזכם'.

דער סמ"ק מצוריך שרייבט (מצוה צא, הערה רעו) אַ טעם פאַרוואָס מ'טוט זיך אָנקליידן מיט ווייסע קליידער אין ראש השנה, ווייל **עס הערשט אַ גרויסע שמחה**, און כדי מ'זאָל זיך נישט האַלטן גרויס, טוט מען אָן ווייסע קליידער, כדי צו געדענקען דעם יום המיתה.

דער 'שואל ומשיב' ברענגט גאר אַ שטאַרקע ראיה (מהדורא רביעאה ח"ג סי' קכה) **אַז ראש השנה איז א יו"ט און מ'דארף זיין בשמחה**, ווייל מיר זאָגן דאָך די ברכה 'שהחיינו', און 'שהחיינו' זאָגט מען נאָר אויף אַ זאַך וואָס רופט אַרויס שמחה (און וועגן דעם מאַכט מען נישט אַ ברכה 'שהחיינו' אויף ספירת העומר, ווייל עס איז נישט אַ מצוה וואָס איז גורם אַ הנאה, נאָר עגמת נפש, ווייל עס איז אַ זכר צום חורבן בית המקדש, ווען מ'האָט מקריב געווען דעם 'עומר'). ממילא, **אויב מ'זאָל זאָגן אַז עס איז אַ טאָג פון 'שווערע דינים' ח"ו, איז דאָך פשוט אַז מ'וואָלט נישט געמאַכט די ברכה 'שהחיינו'.** זעהט מען דערפון קלאָר אַז ראש השנה איז אַ יום טוב ווען מ'דאַרף זיין פרייליך.

נאָך מער זאָגט דער 'שואל ומשיב': מיר געפינען אַז די הייליגע אמהות זענען געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער אין דעם טאָג פון ראש השנה, און אַלע טובות און השפעות פון קדושה ווערן נשפע אין דעם טאָג, און דערפאַר האַלט מען צוויי טעג ראש השנה ביז היינט, אויך אין ארץ ישראל, **אויב ראש השנה וואָלט געווען אַ 'שווערע טעג', וואָלט מען נישט מתקן געווען צו האַלטן צוויי טעג אין ארץ ישראל, בלויז צוליב 'מנהג אבותינו בידינו'.**

**כז.** מיר האָבן געהערט פון די קרובים פון די בעלת העובדא, אַז די פרוי איז געשטאַנען ביי די זייט פון וועג, און פלוצלינג איז איר אַנטקעגן געקומען אַ 'ביציקל', וואָס איז געפאָרן מיט אַ שנעלקייט, ווי אַ חיה רעה, מיט גרויס ווילדקייט און איילעניש האָט ער אומגעוואָרפן די פרוי אויף דער ערד, און זי האָט געליטן אַ שטאַרקן קלאַפ פונעם פאַל. זי איז שנעל אָפּגעפירט געוואָרן אין שפיטאָל, וואו מ'האָט געמאַכט אויף איר פאַרשידענע טעסטן פון

װעלבן מיר געפינען זיך שוין נאָנט צו 2,000 יאָר, אויך דאָס איז אַ באַהאַלטענער ענין, וואָס לעתיד לבוא וועט זיך אַרויסשטעלן אַז עס איז געווען לטובה[כח].

און דאָס איז על הכלל כולו יצא, יעדער איינער אין זיין פּרטיות'דיגן 'גלות', ברוחניות ובגשמיות, בגוף ובנפש, אַז עס איז נישט קיין שלעכטס ח"ו, נאָר כל כולו טובה. מ'דאַרף זיך נאָר שטאַרקן מיט די ריינע אמונה אין באַשעפער, וואָס ער איז דער 'טוב ומטיב לכל'.

דער 'טור' (או"ח סי' תקפ"א) שרייבט, אַז מ'טוט זיך אָפּוואַשן און אָפּשערן ערב ראש השנה[כט]. 'מנהגו של עולם' אַז ווען אַ מענטש האָט אַ משפט טוט ער אָן שוואַרצע קליידער, און ער הילט זיך איין אין שוואַרצן, און ער לאָזט וואַקסן די באָרד, און ער שניידט נישט זיינע נעגל, ווייל ער ווייסט נישט וואָס זיין אורטייל וועט זיין. אָבער אידן זענען אַנדערש. זיי טוהען אָן ווייסע קליידער און שניידן די נעגל, זיי עסן און טרינקען און פרייען זיך אין דעם טאָג פון ראש השנה, ווייל זיי זענען זיכער אַז דער

---

קאָפּ ביז פיס, און בחסדי ה' האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אַלעס איז ברוך השם אין אָרדענונג... שומר כל עצמותי', אחת מהנה לא נשברה.

צוויי וואָכן שפּעטער, האָבן די דאָקטוירים זיך פאַרבונדן פון שפּיטאָל מיט די פרוי, און איר באַפוילן וואָס גיכער אַריבערצוקומען אין שפּיטאָל, ווייל עס זענען אָנגעקומען די רעזולטאַטן פון איינע פון די טעסטן, וואָס ווייזן אַז עס 'דרייט זיך' אין איר בלוט אַ 'בלוט פאַרשטאָפּונג' (□ '). עס האָט נישט קיין שייכות מיט דעם עקסידענט, נאָר עס האָט זיך אַזוי געמאַכט פון הימל, אַז ווען מ'האָט איר אונטערזוכט, האָט מען געטראָפן אויך די בלוט פאַרגליווערונג, און דורך דעם וואָס מ'האָט עס יעצט באַמערקט, האָט מען איר געראַטעוועט פון אַ זיכערער לעבנס געפאַר. דאַן האָט די פרוי געזעהן די וואונדער פון די השגחה העליונה, אַז יענער פאַל וואָס עס האָט אויסגעזעהן אַז עס איז די אַרבעט פון אַ 'פרא אדם', אַן אומפאַראַנטוואָרטליכער מענטש, וואָס זי האָט געקענט שטאַרק געשעדיגט ווערן פון איהם, און נאָך ערגער רח"ל, איז ער אָבער באמת געווען דער גוטער שליח איר צו ראַטעווען פון די סכנה, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען אָן איר וויסן. מ'האָט איר פשוט פון הימל געשאָנקען דאָס לעבן.

**כח.** די גמרא אין מסכת' תענית (כא.) דערציילט וועגן נחום איש גם זו, וואָס ער איז געווען בלינד רח"ל אויף ביידע אויגן, און ער ווערט אָנגערופן 'איש גם זו', ווייל אויף יעדער זאַך וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט, האָט ער געזאָגט: 'גם זו לטובה'.

זאָגט דער מונקאַטשער רב, הרה"ק בעל 'דרכי תשובה' זי"ע (געברענגט אין ספר 'שער יששכר', פון זיין זון, הרה"ק בעל 'מנחת אלעזר' זצ"ל, חודש אלול, מאמר א), לויט ווי עס איז באַקאַנט פון די מקובלים, אַז די חדשים תמוז און אב זענען מכוון אַנטקעגן די אויגן. אין די דאָזיגע צוויי חדשים האָט דאָך פּאַסירט דער שרעקליכער חורבן פון ערשטן און צווייטן בית המקדש, און באמת איז דאָך דאָס געווען אַ גרויסע טובה, נאָר מיר זענען אַזוי ווי בלינדע מענטשן וואָס זעהען נישט די לעכטיגקייט. יעצט זעהט עס אויס אין אונזערע אויגן אַזוי ווי אַ גלות מיט גרויסע צרות, אָבער לעתיד לבוא וועט מען זעהן 'עין בעין', די חסדים וואָס זענען געווען באַהאַלטן אינעם חורבן. אויף דעם זאָגן חז"ל, אַז נחום איש גם זו איז געווען בלינד אויף 'ביידע אויגן'. דאָס הייסט, אויך אין די חדשים תמוז און אב, וואָס זענען אַנטקעגן די אויגן, וואָס ס'איז דעמאָלט געוואָרן פינצטער די לעכטיגקייט אַזוי ווי ביי אַ בלינדן רח"ל, האָט נחום איש גם זו נאָך אַלץ געזאָגט 'גם זו לטובה', אַדאַנק זיין גרויסע אמונה אין דעם באַשעפער, אַז ער טוט מיט איהם נאָר גוטס.

**כט.** עס ווערט געברענגט אין קונטרס 'מועדי רגל', ביים סוף פון ספר 'נפש יוסף' (ג:), אַז ער האָט געזעהן געשריבן פון דעם מקובל האלוקי, החסיד כמוהר"ד שרירו זצוק"ל (און עס ווערט אויך אַראָפּגעברענגט אין ספר 'מועד לכל חי', פון הגאון רבי חיים פאלאג'י זצ"ל), **אַז ערב ראש השנה זאָל מען לייענען פרשת כי תבא, פון אָנהייב פרשה ביז 'והגר אשר בקרבך'** (פון פסוק א', ביז פסוק י"א). **און אויף יעדער וואָס לייענט עס, טוט דער אויבערשטער אַרויסגעבן אַ 'כרוז' און ער רופט אויס, "איך האָב איינגעמאָנט פון דעם מענטש אַלע חובות, און איך בין מוחל אַלע זיינע עבירות".** און מ'זאָל ענדיגן לייענען די פסוקים כל זמן ס'איז נאָך לעכטיג אינדרויסן. ס'איז באַקאַנט אַז עס זענען דאָ זיבן הימלען, און **דער אויבערשטער נעמט די נשמה פון דעם מענטש ממש, און ער איז עס מקריב, און ער זאָגט, 'ער איז טהור, און איך האָב איינגעמאָנט אַלע זיינע חובות, דאָפּלט ווי זיינע חטאים'.** (זעה דאָרט, וואו ער ברענגט אַ תפילה וואָס מ'זאָל זאָגן נאָך דעם ווי מ'טוט די דאָזיגע סגולה, און אַז דערנאָך וועט דער אויבערשטער זאָגן צו זיין נשמה, 'ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך ה' אלוקיך'.)

אויבערשטער וועט טוהן מיט זיי אַ נס, און דערפאַר פירן זיי זיך אָפּצושערן און אָנצובאָדן ערב ראש השנה, און צוגרייטן אַ שיינע סעודה לכבוד יום טוב.

**דער** 'טורי זהב' (שם סק"ה) איז מוסיף, אַז מ'באָדט זיך און מ'שערט זיך די האָר ערב ראש השנה, און דער טעם דערפאַר שטייט אין 'טור', כדי צו ווייזן אַז מיר פאַרזיכערן זיך אויף דעם אויבערשטען, אַז ער וועט אַרויסגעבן אונזער אורטייל צום גוטן. דאָס הייסט, אַז דער בטחון אַליין איז גורם אַז מיר זאָלן זוכה זיין ביים משפט[ל].

**און** אויף דעם זאָגן מיר אין די סליחות ערב יום הקדוש, 'בידי אין מעש ועל זאת לבי יפחד, אבל עתה בזכרי מלכות שם המיוחד, ועל זאת אני בוטח, באומרים ה' אחד', ווייל אין די יעצטיגע טעג דאַרף מען זיך נאָך מער פאַרזיכערן אויף דעם באַשעפער, דער 'אחד יחיד ומיוחד', וואָס ער איז אונזער 'מנוס ומברח' - דאָס אָרט וואו צו 'אַנטלויפן', ווי עס ווערט געברענגט, אַז דער אות ד' אין וואָרט 'אחד' (אין דעם פסוק 'שמע ישראל') איז גרויס, כדי מרמז צו זיין אַז עס איז דאָ אַן אָרט פאַר יעדן איד אַריינצוקומען אין די 'טיר' (דל"ת) פון אמונה אין אחדות השי"ת, און יעדער וואָס וויל אַריינקומען אונטער די פליגל פון די שכינה, קען דאָרט אַריינקומען.

**דער** גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל שרייבט (הגהות 'חכמת שלמה', או"ח סי' תקפ"ג, ס"א) וועגן דעם וואָס מ'עסט די 'סימנים' ראש השנה ביינאַכט, אַז די כוונה דערפון איז נישט צו עסן די מאכלים בדרך תפילה, ווייל ס'איז נישט דאָ אַן אָרט פאַר תפילה בשעת מ'עסט[לא]. דער עיקר טעם פאַרוואָס מ'עסט די סימנים איז כדי צו ווייזן, אַז מ'גלייבט אין דעם באַשעפער אַז ער וועט אונז פאַרשרייבן צו אַ גוט יאָר. 'ספּעציעל לויט ווי איך האָב געשריבן אין די דרושים פון פרשת תבא שנת תרי"ב, אַז ראש השנה דאַרף מען זיין פריילך און כסדר זאָגן "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד", און "גם זו לטובה", און מיט דעם וועט אַלעס באמת איבערגעדרייט ווערן צום גוטן'[לב].

---

**ל.** אַזוי שרייבט הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע, אַז הרה"ק רבי נח לעכעוויטשער זי"ע פלעגט יעדן ראש השנה זאָגן מיט זיין הייליג מויל, '**חדות ה' הוא**' - ס'איז אַ שמחה און אַ גרויסער נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען, ווען איר טראַכט און איר גלייבט וועגן זיין חסד, '**הוא מעוזינו**' - וואָס איז אונזער שטאַרקייט.

**לא.** פון דער צווייטער זייט, איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער של"ה הקדוש (דער עיקר פון זיינע ווערטער, ווערן געברענגט אין משנה ברורה דאָרט, סק"ב) אַז **דער עיקר איז נתעורר צו ווערן צו תשובה ווען מ'עסט די סימנים**, ווייל פון וואו ווייסט מען אַז ווען מ'עסט 'כרתי', ווערן די שונאים פאַרשניטן? ס'איז דאָך מעגליך אויף פאַרקערט חלילה, אַז זיינע זכותים זאָלן פאַרשניטן ווערן ח"ו. און **ס'איז פשוט, אַז נישט דאָס עצם עסן די 'סימנים' איז גורם צו פאַרשניידן די שונאים, נאָר די תפילה און בקשה מיט די תשובה וואָס דער מענטש טוט דערביי, פועל'ט מעורר רחמים צו זיין אויבן אין הימל.**

און באמת, איז 'אלו ואלו דברי אלוקים חיים'. אַ ירא שמים איז יוצא ביידע זאַכן, סיי מיט תשובה און תפילה, און סיי מיט אמונה אַז אַלעס איז צום גוטן.

**לב.** אַ איד האָט זיך אַמאָל אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר זיין רבי'ן, איבער זיין שוואַכן שלום בית, עד כדי כך, אַז ראש השנה ביינאַכט, האָט זיין ווייב איהם דערלאַנגט דאָס 'וויידל' פונעם פיש, אנשטאט דעם קאָפּ... האָט דער רבי איהם געזאָגט:

- צי דען האָסטו צוליב דעם געזאָגט 'שנהיה לזנב'?... דו האָסט אָוודאי געזאָגט 'שנהיה לראש'... דער עיקר ווענדעט זיך דאָך אַלעס אין די ווערטער וואָס מ'זאָגט. ממילא, איז נישט קיין חילוק אויב זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש אַ וויידל פון אַ פיש, אָדער אַ קאָפּ...

דער 'משנה ברורה' שרייבט (סי' תקפ"ג סק"ה), אַז **מ'דאַרף זיך זייער שטאַרק היטן זיך נישט צו בייזערן אין די יעצטיגע טעג, אויסער דעם גרויסן איסור פון כעס, כדי עס זאָל זיין אַ גוטער סימן.**

אַ יונגערמאַן האָט אַמאָל אויסגעדרוקט זיין זאָרג פאַר הרה"ק רבי מאָטל סלאָנימער זי"ע, אַז ער האָט נישט באַוויזן צו קויפן אַ 'קאָפּ', און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ יאָר ער וועט האָבן... האָט הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנימער איהם געזאָגט:

- **נעם דעם וויידל פונעם פיש, און זאָג הויך אויפ'ן קול, עס זאָל שוין זיין 'סוף וקץ לכל צרותינו'.**

דער געדאַנק דערפון איז, **יעדער מענטש איז בכוח אויסצושטעלן זיין מצב צום גוטן, דורך דעם וואָס ער וועט גלייבן אַז דער אויבערשטער וועט איהם טאַקע העלפן צום גוטן**... פאַרוואָס זאָל ער וויינען? ער האָט דאָך אייביג 'אַ וועג אַרויס' פון דעם פלאָנטער אין וועלכן ער געפינט זיך.

מלך אוהב צדקה - אויב ער איז דיין ברודער, בין איך דיין טאַטע

"ותשובה, ותפלה, וצדקה, מעבירין את רוע הגזירה".

**דער** רמב"ם ז"ל שרייבט (הלכות תשובה, פ"ג, ה"ד) "נהגו כל בית ישראל להרבות בצדקה[לג] וחסד בין איש לרעהו[לד], ובמעשים טובים", אידישע קינדער פירן זיך צו פאַרמערן צדקה און חסד איינער מיט'ן אַנדערן, און צו טון מעשים טובים. "ולעסוק במצות מראש השנה ועד יום הכיפורים, יתר מכל השנה", און צו טון מצוות צווישן ראש השנה און יום כיפור, מער ווי אַ גאַנץ יאָר.

---

מיר האָבן שוין דערציילט, אַז דער גאון רבי יהודה פתייה זצ"ל, איז אַמאָל געזעסן ביי דער סעודה ראש השנה ביינאַכט, אַרומגענומען מיט געסט, 'כולו אומר כבוד והדר'. ער איז געווען אָנגעטוהן אין ווייסע בגדים, און אויפ'ן טיש איז געשטאַנען אַ מנורה מיט גרויסע לעכט. פלוצלינג האָט איינער פון די אָנוועזענדע אידן בטעות אַ שטופּ געגעבן דעם טיש, אַזוי אַז די לייכטער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, און די לעכט האָבן זיך פאַרלאָשן. ס'איז געוואָרן טונקל אינעם צימער... רבי יהודה פתייה האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן נישט אַריינצופאַלן אין כעס ח"ו, און וויבאַלד ס'איז געווען טונקל אין הויז, איז ווען די רעביצין איז אַרויסגעקומען מיט'ן טאַץ פיש אין איר האַנט, איז דער טאַץ געפאַלן, און אַלעס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער ערד...

רבי יהודה האָט זיך אויפגעשטעלט צו זעהן וואָס עס האָט פאַסירט מיט די פיש. אָבער דאַן... 'שוד ושבר'... דער רב האָט זיך אויסגעגליטשט אויף די 'פיש יוהך'. ער איז געפאַלן אויף דער ערד, און זיין ווייסע בעקישע איז געוואָרן פאַרשמירט... מיט דעם אַלעם, האָט ער זיך אָבער איינגעהאַלטן. ער האָט זיך נישט געבייזערט, און אַפילו נישט אַרויסגעוויזן אַ רוגזא...

ביים סוף פון יענעם יאָר, האָט ער עדות געזאָגט וועגן זיך, אַז **ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ גוט זיס יאָר ווי יענעם יאָר. ער האָט געשפּירט אַ 'הארת פנים' פון הימל, און וואו ער האָט נאָר צוגעלייגט אַ האַנט, האָט ער מצליח געווען. ער האָט אויך זוכה געווען מחדש צו זיין גאָר שיינע חידושי תורה במשך פון יענעם יאָר.**

פון דעם קען יעדער איינער פאַרשטיין לויט זיין מצב, אַז **דער עיקר אין די דאָזיגע הייליגע נאַכט - און אין דעם טאָג פון ראש השנה - איז אָצונעמען אַלעס מיט ליבשאַפט און מיט אַ פרייליך האַרץ, מיט אַ שלוות הנפש אַז אַלעס איז לטובה ולברכה.** דאַן איז אַלעס וואָס וועט מיט איהם פאַסירן, וועט ער האָבן נאָך אַ 'סימנא טבא', פאַר טובה, ברכה און הצלחה.

אַזוי האָבן געזאָגט די זקני ירושלים, אַז אויב מ'האָט איינגעפירט איינצוטינקען ראש השנה ביינאַכט די חלה און דאָס עפּל אין האָניג, כדי מרמז צו זיין אַז מיר זאָלן האָבן אַ גוט זיס יאָר, **איז דאָך אַ קל וחומר, אַז ס'איז נישט דאָ אַ בעסערער סימן ווי צו זיין אַ 'זיסער איד'**. דאָס הייסט, זיך אַרומצודרייען אין דעם טאָג מיט אַ פרייליך פנים, און דאָס וועט זיין פאַר איהם אַ סימן אַז ער וועט מיט'ן אויבערשטען'ס הילף האָבן אַ פרייליך יאָר.

הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זי"ע, האָט דערציילט וועגן איינע פון די צדיקים, אַז איין יאָר ראש השנה ביינאַכט ביי קידוש, האָט דער ווייך זיך אויסגעגאָסן. ווען ער האָט געשניטן די 'המוציא', איז דאָס שטיקל חלה אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט. אויך די פיש זענען פאַרברענט געוואָרן, און מ'האָט עס פשוט נישט געקענט עסן. ווען די רעביצין האָט דאָס באַמערקט, האָט זי מורא באַקומען, ווער ווייסט, אפשר איז עס נישט אַ גוטער סימן פון הימל, ספּעציעל אין ראש השנה, ווען מ'טוט פאַרמערן מיט גוטע סימנים. זי איז געוואָרן טרויעריג, טראַכטנדיג צו זיך: 'מה זאת עשה אלוקים לנו'.

איר מאַן, דער צדיק, האָט איר אָבער באַרואיגט, אַז זי האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, ווייל דער גאַנצער טעם פאַרוואָס מ'עסט גוטע און זיסע מאכלים, איז דאָך נאָר ווייל דאָס איז גורם פאַר די טבע פונעם מענטש צו זיין רואיג און פרייליך. קומט אויס, אַז **דער עיקר פונעם גוטן סימן איז, אין די פנימיות פונעם מענטש, אַז ער איז רואיג און גוטמוטיג, און ער פאַרלאָזט זיך אויף דער הילף פון דעם אויבערשטען.** אויב אַזוי, כאָטש עס האָבן פאַסירט נישט גוטע סימנים, אָבער אויב מיר וועלן בלייבן רואיג און זיך פאַרלאָזן אויף די חסדים פון דעם אויבערשטען, וועלן מיר אַוודאי זוכה זיין צו אַ גוט יאָר, ווייל **דאָס פנימיות פון האַרץ איז דער בעסטער סימן פאַר רחמים און חסדים.** (אדרבה, דייקא די רואיגקייט נאָך אַזעלכע 'איבערקערענישן', איז די ריכטיגע 'שלוות הנפש').

**לג.** מיר זאָגן אין די ימים נוראים 'ותשובה ותפילה וצדקה, מעבירין את רוע הגזירה'. שרייבט דער 'לקט יושר' (הלכות ימי הסליחות) מורא'דיגע ווערטער, אין נאָמען פון 'החבר משה מינץ' (באַקאַנט אַלס דער מהר"ם מינץ זצ"ל) **ווי אַזוי מ'קען צערייסן און בטל מאַכן שלעכטע גזירות דורך די מצוה פון גמילות חסדים**, ווייל דער פסוק זאָגט (משלי יט,

יז) 'מלוה ה' חונן דל'. די גמרא זאָגט (ב"ב י.) רבי יוחנן האָט געזאָגט, 'אלמלא מקרא כתוב, אי אפשר לאומרו'. ווען דער פסוק וואָלט נישט געזאָגט אַזוי, וואָלט מען עס נישט געקענט זאָגן. 'כביכול, עבד לוה לאיש מלוה' - דאָס הייסט, **איינער וואָס טוט אַ חסד מיט דעם אָרימאַן, ווערט אַזוי ווי אַ 'מלוה' פאַר דעם אויבערשטען כביכול.**

מיר ווייסן דאָך אַז די הלכה איז, אַז דער 'תובע' דאַרף נאָכגיין נאָך דעם 'נתבע' (ווען איין איד רופט אַ צווייטן צו דין תורה, דאַרף דער בית דין באַשטיין פון דיינים וואָס דער 'נתבע', וועמען מ'מאָנט געלט וויל האַלטן ביי זיי דעם דין תורה). **ביי אַ הלוואה, איז** אָבער די הלכה, אַז דער לוה - דער 'נתבע' - דאַרף יאָ נאָכגיין נאָך דעם מלוה. ממילא, אויב דער אויבערשטער כביכול איז אַזוי ווי אַ 'לוה', ער 'באָרגט' פון דעם מענטש וואָס טוט אַ חסד מיט זיין חבר, קומט אויס אַז **דער מענטש, וועלכער איז דער 'מלוה' - דורך דעם וואָס ער האָט געטוהן אַ חסד מיט זיין חבר - האָט די מעגליכקייט צו באַשליסן פאַר וועלכן בית דין ער וויל שטיין צום משפט, און ממילא קען ער טענה'ן אַז ער וויל שטיין פאַר די מדה פון חסד און רחמים, און נישט פאַר מדת הדין.**

לויט דעם, טייטשן די ספרים וואָס מיר זאָגן אין די ימים נוראים (פיוט 'ונתנה תוקף'), 'ויכון **בחסד כסאך**, ותשב עליו באמת'. **דורך טוהן אַ גמילות חסד, קענען מיר באַשליסן אויף וועלכע שטוהל דער אויבערשטער כביכול זאָל זיצן אין ראש השנה, ווען ער טוט אונז משפט'ן.**

דער גאון רבי ראובן פיין זצ"ל (ראש ישיבה פון "תורה ודעת" אין אַמעריקע) האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון דעם בעל העובדא (זייענדיג אין גלות שאַנכאַי, אין יאַפּאַן, אין צייט פון דער צווייטער וועלט מלחמה) אַז אַלס בחור, ווען ער האָט דערגרייכט דעם עלטער פון מיליטער דינסט, איז ער געגאַנגען צו הגאון רבי יצחק אלחנן ספּעקטאָר זצ"ל, קאָוונער רב, און געבעטן אַ ברכה באַפרייט צו ווערן פון מיליטער (אין ליטע - ווי אין אַנדערע לענדער אין אייראָפּע - האָבן די מיליטערישע קאָמיסיעס זיך זייער שטרענג באַצויגן מיט אידישע בחורים). דער בחור האָט געזאָגט פאַר'ן קאָוונער רב, אַז ביז לעצטנס האָט מען געקענט אונטערקויפן די דאָקטוירים וואָס זענען געזעסן אין די קאָמיסיעס, פאַר אַ סאַך געלט, און די דאָקטוירים פלעגן אַוועק-קוקן און אַרויסגעגעבן באַפרייאונגס-צעטלעך פאַר די בחורים פון רייכע שטובער, וואָס האָבן באַצאָלט דערפאַר אַ שיינעם סכום. לעצטנס איז אָבער דאָס רשעות געוואַקסן אַזוי ווייט, אַז זיי נעמען טאַקע דאָס שוחד געלט, אָבער שפּעטער, באַפרייען זיי נישט די בחורים פון אַרמיי. אדרבה, נאָך דעם ווי דאָס געלט ליגט שוין ביי זיי אין קעשענע, פאַר'מסר'ן זיי די בחורים וואָס האָבן זיי אונטערגעקויפט, און מ'אַרעסטירט די אומגליקליכע בחורים מיט זייערע עלטערן, פאַר'ן זיי אונטערקויפן. וועגן דעם האָט דער בחור געבעטן אַ ברכה און אַן עצה ביים גאון רבי יצחק אלחנן: וועט ער נישט אונטערקויפן דעם דאָקטאָר וואָס דאַרף איהם אונטערזוכן, וועט מען איהם דאָך זיכער נעמען אין מיליטער. פון דער צווייטער זייט, איז אויך דער שוחד נישט אַ גוטע עצה, ווייל עס העלפט נישט אייביג.

נאָכ'ן אַדורכטראַכטן עטליכע מינוט דאָס ענין, האָט דער גאון רבי יצחק אלחנן זצ"ל געזאָגט צו דעם בחור, אַז ער קען אַ גרויסן "מאַכער", א עסקן, וואָס ביי איהם זיינען אַלע טויערן אָפען... "גיב מיר דאָס געלט וואָס דו האָסט געוואָלט אונטערקויפן דערמיט דעם דאָקטאָר און איך וועל עס איבערגעבן פאַר יענעם עסקן", האָט רבי יצחק אלחנן איהם געזאָגט. "דו קענסט זיין רואיג, אַז מ'וועט דיר אַהיים ברענגען דאָס צעטל פון דיין באַפרייאונג"... דער בחור האָט דערלאַנגט פאַר רבי יצחק אלחנן אַ סכום געלט, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט כדי אונטערצוקויפן דעם דאָקטאָר וואָס זיצט אויף די מיליטערישע קאָמיסיע.

צוויי וואָכן שפּעטער, איז אין הויז פונעם בחור ערשינען דער שטאָטישער פּאָסטמאַן, און איהם דערלאַנגט אין האַנט דאָס באַפרייאונגס-צעטל פון דער אַרמיי, צוליב זיינע "געזונטהייט פּראָבלעמען...", און ס'איז אַפילו געווען צוגעשריבן, אַז ביז אַ געוויסן טאָג, קען ער "אַפּעלירן" דעם אורטייל...

איבעריג צו שילדערן די שמחה פון דעם בחור און זיינע עלטערן. ער איז באַלד אַריבערגעגאַנגען צום גאון רבי יצחק אלחנן אין שטוב, און איהם באַדאַנקט פאַר דער הילף, און אויך געבעטן צו באַדאַנקען אין זיין נאָמען דעם "עסקן"... דער בחור האָט געזאָגט צו דעם גאון, "אַוודאי פאַרשטיי איך, אַז מ'טאָר נישט פאַרעפענטליכן דעם נאָמען פון יענעם 'עסקן', מיט וועלכן דער רב האָט זיך באַנוצט לטובתי, אָבער איך וויל בעטן דעם רב, מ'זאָל כאָטש קענען זאָגן פאַר די 'היימישע' בחורים וואָס נויטיגן זיך אין אַן ענדליך צעטל, דעם נאָמען פון דעם עסקן, כדי אויך אַנדערע זאָלן קענען געניסן פון זיינע 'פּראָטעקציעס'... האָט רבי יצחק אלחנן געזאָגט צו דעם בחור:

**- דער 'עסקן' איז גוט, נישט נאָר באַפרייט צו ווערן פון מיליטער דינסט, נאָר אויך פאַר יעדע סאָרט ישועה, און נישט נאָר פאַר רייכע מענטשען...**

און דער גאון האָט איהם דערציילט:

- אין זעלבן טאָג וואָס דו ביזט געקומען צו מיר, צוויי וואָכן צוריק, זענען אַריינגעקומען צו מיר אַ פרוי מיט איר טאָכטער, אַ כלה וואָס דאַרף בקרוב חתונה האָבן, אָבער ׳לרש אין כל׳, ליידער האָבן זיי נישט אַפילו אַ פּרוטה אויף הוצאות החתונה. זיי האָבן פּשוט געציטערט, אַז דער צד החתן זאָל נישט אָפּלאָזן דעם שידוך ח"ו. באַלד נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרלאָזט מיין צימער, ביזטו אַריינגעקומען צו מיר מיט דיין בקשה פאַר אַ ברכה און עצה, און איך האָב דאָ באַלד געזעהן אַ געלעגנהייט, **דער אויבערשטער וועט אַוודאי נישט פאַרשעמען אַ איד וואָס טיילט געלט פאַר צדקה. גאר גרויס איז דער זכות פון מצות צדקה, צו באַשיצן דעם מענטש פון אַלע צרות און יסורים.** דעריבער האָב איך פון דיר געבעטן דאָס געלט, און איך האָב עס אַוועקגעגעבן פאַר די פרוי און איר טאָכטער די כלה. **אין זכות פון זייער שמחה, האָסטו באַקומען דאָס באַפרייאונגס-צעטל ביז צו דיין טיר...**

**לד.** אין די עשרת ימי תשובה, ווען מיר אלע בעטן זיך "אבינו מלכנו... חמול עלינו... שלח רפואה שלימה... כתבנו בספר חיים טובים...", איז דאָס אָרט צוצולייגן אַ וואונדערליכע "סגולה" דערצו: **מ'זאָל זיך פירן איינער מיט'ן אַנדערן ווי "גוטע ברידער", און דאַן וועט דער אויבערשטער וועלן זיין "אונזער פאָטער", און מיר וועלן זוכה זיין אַז ער וועט אויף אונז רחמנות האָבן, "כרחם אב על בנים".**

עס זענען געוועזן צוויי ברידער, וואָס איינער איז געווען אַ גרויסער עושר, און דער צווייטער - אַ ביטערער אָרימאַן ל"ע. דעם אָרימאַנ'ס טעכטער זענען אונטערגעוואַקסן, און עס איז געקומען די צייט זיי חתונה צו מאַכן. ער האָט דאָך אָבער נישט געהאַט אַפילו אַ פּרוטה פאַר אַ נדן, איז ער געגאַנגען צו זיין רייכן ברודער, און איהם דערציילט איבער זיין קלעם, און געבעטן הילף. דער רייכער ברודער האָט זיך אָבער געמאַכט "כאילו לא ידע", ער קען איהם נישט... ער האָט איהם געפרעגט: "ווער ביזטו?", אויף וואָס דער אָרימער ברודער האָט געענטפערט: "איך בין דאָך דיין ברודער". פרעגט דער עושר אַ צווייטן מאָל: "ווער ביזטו?", און דער אָרימאַן האָט ווייטער געענטפערט אַ פאַרשעמטער: "איך בין דאָך דיין ברודער"... האָט דער רייכער ברודער איהם געזאָגט: "איך ווייס נישט וואָס דו רעדסט... איך בין אַן איינציגער זון ביי מיינע עלטערן, און ווי עס ווייזט הויז, האָסטו געהאַט אַ טעות אינעם אַדרעס...". דערנידערט און פאַרשעמט, האָט דער אָרימאַן פאַרלאָזט דאָס הויז פונעם רייכן ברודער.

עטליכע טעג שפּעטער, איז דער רייכער ברודער געגאַנגען באַזוכן זיין אַלטן טאַטן, פון וועמען ער האָט - ווי עס ווייזט אויס - נאָך נישט פאַרגעסן... ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט דער טאַטע איהם געפרעגט ווער ער איז, און דער רייכער זון האָט געענטפערט: "איך בין ראובן, דיין בכור...". האָט דער פאָטער איהם געזאָגט: "איך ווייס נישט וואָס דו רעדסט... איך האָב נישט אַ זון מיט'ן נאָמען ראובן. ווי עס ווייזט אויס, האָטסטו געהאַט אַ טעות מיט'ן אַדרעס... איך קען דיך נישט, און איך ווייס נישט ווער דו ביזט...".

האָט דער רייכער זון, אַ דערשראָקענער (טראַכטנדיג ביי זיך, ווער ווייסט צו דער טאַטע ווערט נישט שוין "פאַרעלטערט"...) אָנגעהויבן זיך בעטן ביי זיין טאַטן: "טאַטע, טאַטע, דו האָסט דאָך צוויי זין, און איך בין ראובן, דיין בכור...". דער טאַטע האָט זיך אָבער ווייטער "געהאַלטן ביים זיינס", און גע'טענה'ט אַז ער ווייסט נישט וואָס ער וויל פון איהם... ענדליך, האָט דער טאַטע געזאָגט צו ראובן:

- **איך בין דער פאָטער פון שמעון** (דעם אָרימאַן), **אויב ער איז דיין ברודער, בין איך אויך דיין טאַטע... אויב נישט, איז נישט...**

דאָס זעלבע איז ביי כלל ישראל, אויב איין איד דערקענט אַ צווייטן איד אַלס זיין "ברודער", און ער טוט מיט איהם צדקה וחסד אויב ער נויטיגט זיך דערין, איז דער באַשעפער אויך זיין "פאָטער", און ער פירט זיך מיט איהם "כרחם אב על בנים".

מ'דערציילט, אַז אַ "חברה קדישא" מאַן פון ארץ ישראל, האָט געהאַלטן פאַר די חתונה פון אַ קינד, און בצר לו, אין זיין אָרימע לאַגע, איז ער אַרויסגעפאָרן קיין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, וואו עס האָט געוואוינט זיינס אַ רייכער קרוב. ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פונעם עושר, האָט דער עושר זיך געמאַכט ווי ער קען איהם נישט, ער ווייסט אינגאַנצן נישט אין וואָס עס באַשטייט זייער "קרובה'שאַפט"... און ער האָט איהם דערלאַנגט עטליכע פּרוטות, וואָס זענען נישט געווען גענוג אַפילו אויף אַ טייל פון די הוצאות פאַר'ן ווייטן וועג. זעהענדיג די קאַרגשאַפט פון זיין קרוב, האָט דער ארץ ישראל'דיגער איד געזאָגט צום קרוב:

- וויסן זאָלט איר, אַז מיר, 'חברה קדישא' לייט, קענען זעהן אויף אַ מענטש ווען זיין סוף איז נאָנט ח"ו, און

הרה"ק בעל 'תפארת שלמה' זי"ע טייטשט דעם פסוק (דברים כג, י) 'כי תצא מחנה על אויביך ונשמרת מכל דבר רע'. דער פסוק איז מרמז אויף דעם טאָג פון ראש השנה, ווען די מחנות פון די סטרא אחרא שטעלן זיך אַוועק קעגן דעם מענטש אין דעם יום הדין, ווי דער פסוק זאָגט (איוב ב, א) 'ויבואו בני האלוקים להתיצב על ה'' וגו'.

**זאָגט** דער 'תפארת שלמה', אַז דער עיקר הכנה צו דעם גרויסן פאָרכטיגן טאָג, איז עס זאָל הערשן אהבה, אחוה וריעות צווישן אידן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים צח, ו) בחצוצרות וקול שופר הריעו לפני המלך ה'. 'הריעו' איז פון לשון 'ריעות', וואָס מיינט פריינטשאַפט, מ'זאָל ליב האָבן איינער דעם אַנדערן.

**דאָס** זאָגט דער פסוק: 'כי תצא מחנה על אויביך ונשמרת מכל דבר רע'. דו זאָלסט נישט רעדן שלעכטס חלילה אויפ'ן דיין חבר, און דו זאָלסט אינגאַנצן נישט זעהן זיינע חסרונות, נאָר זיינע מעלות. און אויף דעם זאָגט דער פסוק (תהלים לד, יג-טו) 'מי האיש החפץ חיים' - דער מענטש וואָס וויל בעטן ראש השנה: 'וכתבנו בספר החיים', איז די עצה פאַר איהם: 'נצור לשונך מרע' וגו', ער זאָל נישט רעדן שלעכטס אויף זיין חבר. 'סור מרע ועשה טוב'. אָט דאָס איז די בעסטע הכנה צום יום הדין, זוכה צו זיין ביים משפט, ווייל אויב דער מענטש באַטראַכטן זיין חבר אַלס אַ צדיק, וועט מען איהם אויך אַריינשרייבן אין דעם ספר פון די צדיקים.

**גאָר** גרויס איז דער שכר פון גומלי חסד, אַוועקצונעמען שלעכטע גזירות, ספּעציעל אויב מ'טוט אַ חסד מיט אַ צווייטן וואָס מ'קען איהם נישט, אַזוי ווי מיר געפינען מורא'דיגע ווערטער אין 'משך חכמה' (פ' אמור, ד"ה 'במדרש'), וואָס ער זאָגט אַ טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט באַשטימט דעם יום הדין - ראש השנה - אין חודש תשרי. זומער אַרבעט מען דאָך אויפ'ן פעלד, מ'שניידט דעמאָלס די תבואה, מ'קלויבט די טרויבן, אָבער ווינטער האָט דער מענטש מער זכותים, ווען ער קען מער לערנען תורה. אויב אַזוי, וואָלט מען ענדערש געדאַרפט באַשטימען דעם יום הדין אין יום טוב פסח, וואָס איז אין חודש ניסן, וואָס דעמאָלס קענען אידן ענדערש אַרויסקומען מיט זכותים ביים משפט, ווייבאַלד די ווינטער-חדשים זענען אַריבער אויף זיי מיט לימוד התורה. דאַקעגן די גוים, באַשעפטיגן זיך דעמאָלס מיט תאוות עולם הזה און אַנדערע זאַכן וואָס מ'טאָר נישט טוהן.

**ענטפערט** דער 'משך חכמה', לויט ווי די גמרא זאָגט (ב"ב יא.) אַז בנימין הצדיק איז געווען דער ממונה צו טיילן געלט פאַר אָרימעלייט פון אַ צדקה-קאַסע. אַמאָל אין אַ הונגער יאָר איז געקומען אַ פרוי און געבעטן פון בנימין הצדיק אַז ער זאָל איר

---

דעריבער האָב איך געמאַכט אַזאַ ווייטע רייזע ביז טאָראָנטאָ, דיר צו לאָזן וויסן, אַז לויט אונזערע אָנגענומענע סימנים, זענען פאַר דיר פאַרבליבן נישט מער ווי עטליכע טעג צום לעבן...

ווען דער רייכער קרוב האָט געהערט די ווערטער, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן, און האָט איהם פריינטליך געפרעגט וואָס ער וויל, און דער אָרימער קרוב האָט געענטפערט, אַז ער האַלט ביי די חתונה פון זיין זון און ער האָט נישט אַפילו אַ פרוטה אויף די הוצאות פון די חתונה. ער האָט איהם אויך געזאָגט וויפיל געלט ער דאַרף האָבן פאַר די חתונה... האָט דער רייכער קרוב, אַ דערשראָקענער, איהם דערלאַנגט דעם גאַנצן סכום געלט אויפ'ן אָרט...

שפּעטער האָט דער עושר פון טאָראָנטאָ געפרעגט זיין אָרימען קרוב, צו ס'איז טאַקע ריכטיג אַז זיי, די מענטשן פון "חברה קדישא", קענען זעהן אויף אַ מענטש דעם סימן אַז זיין סוף איז נאָנט רח"ל. האָט דער קלוגער קרוב געענטפערט:

- מ'רופט אונז אָפט מאָל צו אַ אידיש הויז, צו זיין אָנוועזנד ביי "יציאת נשמה" רח"ל. איינער פון די סימנים צו דערקענען ווען אַ מענטש האַלט ביי די פטירה ח"ו איז **ווען ער דערקענט שוין נישט די אָרומיגע...** דעריבער, ווען כ'בין געקומען צו דיר אַהיים און געזעהן אַז דו דערקענסט מיך אינגאַנצן נישט, האָב איך פאַרשטאַנען אַז די ביזט אַ "חולה מסוכן" און דעריבער האָב איך דיר אָנגעזאָגט די שרעקליכע בשורה... אָבער יעצט אַז איך זעה אַז דו האָסט צוריק באַקומען דעם 'באַוואוסטזיין', און דו דערקענסט ווייטער דיינע קרובים... פאַרשטיי איך אַז די סכנה איז פאַרביי געגאַנגען, און דו וועסט אי"ה האָבן אריכות ימים ושנים, צו לאַנגע געזונטע יאָרן...

שפייזן. האָט בנימין הצדיק געשוואוירן אַז די צדקה-קאַסע איז ליידיג. האָט זי געזאָגט, אויב דו וועסט מיך נישט שפייזן, וועט אַ פרוי מיט אירע זיבן קינדער אויסגיין פון הונגער ח"ו. ווען בנימין הצדיק האָט געהערט אירע ווערטער, האָט ער געגעבן פון זיין אייגן געלט.

**אַ** צייט שפעטער, איז בנימין הצדיק געוואָרן נישט געזונט ל"ע און ער האָט שוין געהאַלטן ביים שטאַרבן רח"ל, האָבן די מלאכים געזאָגט צו דעם אויבערשטען, רבונו של עולם, דו האָסט געזאָגט, 'כל המקיים נפש אחת מישראל, כאילו קיים עולם מלא'. בנימין הצדיק, האָט דאָך געשפייזט און דערהאַלטן ביים לעבן אַ פרוי און אירע זיבן קינדער, יעצט וועט ער אַוועקגיין פון דער וועלט ח"ו אין אַזאַ יונגען עלטער? האָט מען תיכף ומיד צעריסן דעם גזר דין פון בנימין הצדיק, און ער האָט דערנאָך געלעבט נאָך 22 יאָר.

**שרייבט** דער 'משך חכמה': נישט אומזיסט רופט מען איהם 'בנימין הצדיק'. ער איז זיכער געווען פול מיט מצוות און מעשים טובים, און פונדעסטוועגן, ווען זיין לעבן איז געווען אין אַ סכנה און עס האָט זיך געפאַרטיגט די יאָרן וואָס זענען פאַר איהם געווען באַשטימט צו לעבן אויף דער וועלט, איז כדי צוצוגעבן פאַר איהם, לפנים משורת הדין, נאָך יאָרן צום לעבן, האָט מען געמוזט געפינען פאַר איהם אַ זכות פון צדקה און חסד, וואָס ער האָט געשפייזט און דערקוויקט פון זיין אייגן געלט, אַ פרוי מיט אירע זיבן קינדער.

**לויט** דעם איז פאַרשטענדליך פאַרוואָס ראש השנה איז באַשטימט געוואָרן אין חודש תשרי, און נישט אין חודש ניסן, נאָך די ווינטער חדשים, ווייל אויב ראש השנה וואָלט מען דן געווען נאָר וועגן געזונט און פרנסה, וואָלט טאַקע געהאָלפן פאַר אידן דער זכות פון תורה און תפילה, פאַרקערט פון די גוים וועלכע זענען פאַרזונקען אין זייערע געמיינע און נידעריגע תאוות, אָבער ווייבאַלד ראש השנה איז דאָך דער משפט 'מי לחיים ומי ל...', מוז מען אָנקומען צו דעם זכות פון צדקה און חסד לפנים משורת הדין, און דעם דאָזיגן זכות האָט מען נאָר נאָך דעם ווי מ'שניידט די פירות און תבואות. מ'לייגט אַוועק אויפ'ן פעלד 'לקט', 'שכחה' און 'פאה', וואָס זענען נאָך אַ גרעסערער זכות ווי צו געבן תרומות און מעשרות, ווייל תרומות און מעשרות גיט מען דאָך פאַר דעם כהן (אָדער דעם לוי) מיט וועמען מ'איז באַקאַנט און 'היימיש', און מ'האָט דערפון אַ 'טובת הנאה' (יעדער מענטש ווייל דאָך מהנה זיין אַ גוטן פריינט זיינעם...), אָבער 'לקט', 'שכחה', און 'פאה', וואָס דער אייגנטימער פון פעלד לאָזט איבער פון זיין אייגענע האַרעוואַניע, און יעדער איינער קען זוכה זיין דערין, און ס'איז אפילו מעגליך אַז זיינער אַ שונא זאָל גאָר זוכה זיין אין דעם, איז ער אין דעם זכות, זוכה צו ווערן פאַרשריבן לחיים טובים ארוכים ולשלום, ווייל מ'קען דאָך איהם נישט משפט'ן אין הימל אויב ער איז ראוי צו לעבן אָדער נישט, ווייל מ'דאַרף זיך דאָך פירן מיט איהם מדה כנגד מדה, און אויב אַזוי, איז פונקט אַזוי ווי ער האָט געגעבן צדקה און געטוהן חסד אויך מיט איינעם וואָס איז נישט געווען ראוי דערצו, דאַרף מען אויך מיט איהם טוהן דעם דאָזיגן חסד, אפילו אויב ער איז נישט ראוי דערצו!

**דאס** איז דער לימוד פאַר אונז, צו טוהן גוטס מיט אַנדערע מענטשן, אין דער בחינה פון 'טוב ומטיב לרעים ולטובים'[לה].

**לה.** די גמרא (ברכות יח.) דערציילט אַ מעשה, אַ חסיד האָט געגעבן אַ 'דינר' פאַר אַן אָרימאַן ערב ראש השנה אין אַ הונגער יאָר. זיין ווייב האָט זיך געקריגט מיט איהם וועגן דעם, און ער איז דעריבער געגאַנגען נעכטיגן אויפ'ן בית הקברות, און דאָרט האָט ער געהערט צוויי 'רוחות' (נשמות) רעדן איינע צו די אַנדערע. האָט איינע געזאָגט צו די צווייטע, קום, לאָמיר אַרומפליען איבער דער וועלט, און מיר וועלן הערן 'מאחורי הפרגוד' וואס פאַר אַ פורענות עס קומט ח"ו אויף דער וועלט. האָט די צווייטע איר געענטפערט, איך קען עס נישט טוהן, ווייל איך בין באַגראָבן אין אַ 'מחצלת' פון שטעקעלעך. ענדערש זאָלסטו גיין, און וואָס דו וועסט הערן, זאָלסטו מיר איבערדערציילן. איז די אַנדערע נשמה אַרומגעפליגן און ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט די ערשטע איר געפרעגט, וואָס האָסטו געהערט מאחורי הפרגוד? האָט זי געענטפערט, איך האָב געהערט אַז יעדער איינער וואָס וועט איינזייען ביי די ערשטע 'רביעה', וועט אַ האָגל אויסקלאַפּן די תבואה.

און אַזוי איז טאַקע געווען. יענע יאר האָט ער געוואַרטן און ער האט ערשט איינגעזייט אין די צווייטע 'רביעה', און די תבואה וואָס אַלע מענטשן פון דער וועלט האָבן איינגעזייט, איז קאַליע געוואָרן, אָבער זיין תבואה, איז נישט קאַליע געוואָרן.

דאָס קומענדיגע יאָר, האָט ער ווידעראַמאָל איבערגענעכטיגט אין אַ בית הקברות, און ער האָט געהערט ווי צוויי נשמות רעדן צווישן זיך. האָט איינע געזאָגט צו די צווייטע: קום און לאָמיר אַרומשוועבן איבער דער וועלט, און מיר וועלן הערן 'מאחורי הפרגוד' וואָס פאַר אַ שטראָף עס וועט קומען אויף דער וועלט. האָט די צווייטע ווידעראַמאָל געזאָגט צו איר, איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז איך קען נישט אַרומפליהען, ווייל איך בין באַגראָבן געוואָרן צווישן שטעקעלעך, נאָר ענדערש זאָלסטו גיין, און וואָס דו וועסט הערן, זאָלסטו מיר קומען זאָגן. האָט זי ווידער אַרומגעשוועבט, און ווען זי איז צוריקגעקומען און די אַנדערע נשמה האָט זי געפרעגט וואָס זי האָט געהערט 'מאחורי הפרגוד', האָט זי געענטפערט, איך האָב געהערט, אַז יעדער וואָס וועט איינזייען תבואה ביי די צווייטע 'רביעה', וועט זיין תבואה פאַרפלייצט ווערן. נו, שומע ועושה, ער האָט טאַקע איינגעזייעט ביי די ערשטע 'רביעה', און די תבואה פון דער גאַנצער וועלט (וועלכע האבן איינגעזייעט ביי די צווייטע) איז פאַרפלייצט געוואָרן, אָבער זיין תבואה איז נישט פאַרפלייצט געוואָרן.

**לאָמיר זיך מתבונן זיין, דער דאָזיגער חסיד איז געוואָרן רייך,** און האָט איבערגעשטיגן מיט זיין רייכטום אַלע עשירים פון דער וועלט, ווייל די תבואה פון דער גאַנצער וועלט איז געשלאָגן געוואָרן, און נאָר זיין תבואה איז געווען ניי פון היי יאָר. און צו דעם אַלעם האָט ער זוכה געווען **ווייל ער האָט געגעבן צדקה, אַ דינר פאַר אַן אָרימאַן, און זיין פרוי איז געווען בייז אויף איהם.**

עס ווערט געברענגט ('עיון יעקב', על העין יעקב), אַ טעם פאַרוואָס ער איז געגאַנגען שלאָפן אויפ'ן בית הקברות, און נישט אין שול, **ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַז ס'זאָל אַרויסגיין אַ שלעכטער נאָמען אויף זיין פרוי, אַז זי האָט איהם אַזוי באַ'עוול'ט ראש השנה ביינאַכט.** ממילא איז דאָ געווען פון זיין זייט, אַ 'וותרנות בתוך וותרנות', און נישט נאָר וואָס ער האָט געשוויגן און ער האָט איר נישט געענטפערט אויף דעם וואָס זי האָט איהם דערצערנט, נאָר ער האָט אויך חס געווען אויף איר כבוד, און אין דעם זכות האָט ער זוכה געווען צו ווערן דער גרעסטער עושר אין דער וועלט.

מיר האָבן געהערט פון אַ גרויסן גאון און פוסק, אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט ראש השנה שנת תשפ"ג. אַ טייערער איד האָט געקויפט אין א ביהמ"ד דריי זיץ-ערטער, פאַר זיך און זיינע צוויי זון. די גבאים פון שול האָבן טאַקע אָנגעצייכנט אויף דריי ערטער פון יענע באַנק, די נעמען פון דעם איד מיט זיינע צוויי קינדער. ווען ער איז געקומען אין שול אַריין צום דאַווענען, האָט ער צו זיין גרויסן וואנדער געזעהן אַן עלטערער מענטש זיצן אויף דעם אָרט וואָס האָט 'באַלאַנגט' צו איינעם פון זיינע זין, כאָטש ער האָט באַצאָלט דערפאַר כסף מלא... ער האָט אָבער באַפוילן זיין זון מוותר צו זיין, און ער זאָל נישט מאַכן אַ טומל... דער זון האָט טאַקע געפאָלגט זיין טאַטן'ס בקשה, און ער האָט געשוויגן... ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן צווישן צוויי בענק. אינמיטן דאַווענען, האָט דער עלטערער איד זיך אויפגעשטעלט פון דעם אָרט, און איז אַרויסגעגאַנגען אויף עטליכע מינוט. האָט דער זון וואָס דער פלאַץ איז געווען 'זיינער', געטראַכט אַז יעצט האָט ער אַ גוטע געלעגנהייט 'צוריקצוצאָלן' יענעם איד, און שנעל צוריק-נעמען 'זיין' אָרט. זיין טאַטע האָט איהם אָבער געזאָגט ער זאָל עס נישט טוהן, כדי יענער זאָל נישט פאַרשעמט ווערן ווען ער וועט זיך אומקערן צו זיין אָרט, אָדער פאַרקערט, ער וועט זיך גאָר נעמען קריגן אויף דעם אָרט... ווייניגער ווי צוויי מינוט שפּעטער, האָט מען געהערט אַ שטאַרקן זעץ אין שול... אַ גרויסער 'פען' (בלע"ז) האָט 'אַראָפּגעטראַסקעט' פונעם דאַך, **און איז געפאַלן ממש אויף דעם אָרט וואָס איז יעצט געווען ליידיג...** מ"קען זיך נאָר פאָרשטעלן וואָס עס וואָלט פאַסירט אויב דער טאַטע און זיין זון וואָלטן נישט מוותר געווען פאַר דעם עלטערן איד, ווער ווייזט וואָס עס וואָלט פאַסירט מיט'ן זון. **נאָר אין זכות פון זיין וותרנות, איז זיין לעבן געראַטעוועט געוואָרן...**

איין יאָר ראש השנה, איז הרה"ק רבי ישכר בער פון ראַדאשיץ זי"ע, אַריינגעקומען גאָר שפּעט צו די תקיעות. ווען ער איז אַריינגעקומען אין שול, האָט ער דערציילט אַ מעשה, וואָס האָט פאַסירט ביי זיין רבי'ן, דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע, אַז ער האָט זיך אַמאָל אויפגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט ביז ער איז אַריינגעקומען צו תקיעת שופר, ווייל ער האָט זיך באַטראַכט אַלס נישט ראוי צוצוגיין בלאָזן. ער האָט נאָכגעזוכט אין זיינע מעשים, צו טרעפן אַ זכות פאַר זיך ווען ער גייט מקיים זיין די מצוות היום, ביז ער האָט נאָך אַ לאַנגע צייט זיך דערמאנט אין אַ גוטע זאַך וואָס ער האָט געטוהן. ער האָט זיך געשטאַרקט, און דאַן זיך גענומען צו די עבודת הקודש. ער האָט דערציילט ווי פאָלגענד:

מ'דאַרף וויסן, אַז די מצוה פון צדקה איז נישט נאָר געגעבן געוואָרן פאַר רייכע מענטשן, ווייל באמת קען דער מענטש מקיים זיין די מצוה פון גמילות חסד אויך מיט'ן גוף (נישט נאָר מיט געלט), און אדרבה, עס איז נאָך פיל גרעסער ווי די מצוה פון צדקה וואָס מ'איז מקיים מיט געלט, ווי די גמרא זאָגט (סוכה מט:) אַז מיט דריי זאַכן איז גמילות חסדים גרעסער פון צדקה: א) צדקה, איז מען מקיים נאָר מיט געלט, און גמילות חסד, קען מען טוהן סיי מיט'ן גוף, און סיי מיט געלט. ב) צדקה, איז נאָר פאַר אָרימעלייט, און גמילות חסדים קען מען טוהן סיי מיט אָרימעלייט, און סיי מיט עשירים. ג) צדקה קען מען געבן נאָר פאַר לעבעדיגע מענטשן, און גמילות חסדים קען מען טוהן סיי מיט לעבעדיגע, און סיי מיט די וואָס לעבן שוין נישט מער (צום ביישפיל, מ'זאָגט קדיש אָדער מ'לערנט משניות לעילוי נשמתם, און אַנדערע אופנים פון חסד).

## מעבירין את רוע הגזירה - דיין תפילה טוט 'אויפשאָקלען' אַלע עולמות

די משנה זאָגט (ב"מ קה:), און אַזוי ווערט גע'פסק'ענט (שו"ע חו"מ סי' שכ"ב ס"ב) אַז אויב אַ מענטש האָט געדינגען אַ פעלד ביי אַ צווייטן אויף אַ יאָר פאַר אַ באַשטימטן סכום, און דאָס פעלד איז פאַרפלייצט געוואָרן און די תבואה איז קאַליע געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע פעלדער פונעם לאַנד (וואָס הייסט אַ "מכת מדינה"), דאַרף דער מענטש וואָס האָט עס געדינגען אויפ'ן יאָר, נישט באַצאָלן פאַר'ן פעלד, ווייל אַלע פעלדער זענען פאַרפלייצט געוואָרן, און אַזוי ווערט עס גערעכנט ווי ער האָט נישט באַקומען אַ פעלד אויפ'ן יאָר.

די גמרא (שם קו.) קלערט אַריין, אַז אויב דער פאַרדינגער האָט איהם געהייסן איינזייען ווייץ, און אנשטאט דעם האָט ער איינגעזייט גערשטן, און די גערשטן זענען פאַרפלייצט געוואָרן, צי איז דער דינגער מחויב צו באַצאָלן פאַר'ן פעלד, וויבאַלד אַלע פעלדער זענען דאָך פאַרפלייצט געוואָרן אין דער "מכת מדינה", איז דער שאָדן פאַר'ן אייגנטימער פונעם פעלד, און נישט פאַר דעם וואָס האָט עס געדינגען, אָדער זאָגט מען, אַז דער פעלד-אייגנטימער קען איהם זאָגן, אויב דו וואָלסט איינגעזייעט ווייץ, אַזוי ווי איך האָב דיר באַפוילן צו טוהן, וואָלט ביי מיר מקויים געוואָרן דער פסוק (איוב כב, כח) "ותגזר אומר ויקם לך", און רש"י טייטשט (ד"ה "ותגזור"), "מה שתבקש מהיוצר, יעשה" - וואָס דו וועסט נאָר בעטן פון דעם באַשעפער, וועט ער טוהן פאַר דיר. קען דער אייגנטימער פון פעלד זאָגן, "איך האָב נישט געבעטן דעם אויבערשטען אָנהייב יאָר אַז ער זאָל דיר געבן הצלחה ביי גערשטן, נאָר ביי ווייץ".

---

דער לובלינער זי"ע האָט זיך אַמאָל אָפּגעשמועסט מיט זיין משמש בקודש, אויפצושטיין פרי כדי עוסק צו זיין אין מקיים זיין אַ געוויסע מצוה. יענע נאַכט, האָט אָבער דער משמש פאַרגעסן צוצוגרייטן ביים בעט פון רבי'ן, וואַסער זיך צו וואַשן 'נעגל וואַסער'. אינדערפרי, ווען די רבי האָט געזעהן אַז ער קען נישט אראפ פון בעט, האָט ער בלית ברירה צוגעוואַרט ביז דער משמש וועט קומען, אָבער דער משמש איז נישט אַריינגעקומען. דאָס האָט גורם געווען גרויס צער פאַר'ן רבי'ן פון לובלין, אַז צוליב די אומפאַראַנטוואָרטליכקייט פון דעם משמש, וועט ער דאַרפן אָפּלייגן דעם קיום המצוה. ער האָט שוין אַפילו אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ווען דער משמש וועט ענדליך אָנקומען, וועט ער איהם גוט אויס'מוסר'ן, אָבער דערנאָך האָט דער לובלינער זיך באַרעכנט, פאַרוואָס זאָל ער זיך בייזערן? די גאַנצע איילעניש איז דאָך נאָר געווען כדי מקיים צו זיין אַ מצוה און טוהן אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא. און אָט האָט ער יעצט געזעהן אַז דעם אויבערשטען'ס רצון איז אַז ער זאָל נישט גיין טוהן די מצוה יעצט, ממילא, וואָס האָט ער זיך צו בייזערן? ער האָט אַלזאָ באַשלאָסן איינצוהאַלטן דעם כעס, און אויפנעמען דעם משמש בסבר פנים יפות.

אַזוי האָט דער לובלינער טאַקע געטוהן. ווען דער משמש איז ענדליך אָנגעקומען, האָט דער רבי פון לובלין איינגעהאַלטן זיין כעס מיט איבערנאַטורליכע כוחות, און ער האָט איהם אויפגענומען גאָר שיין, בסבר פנים יפות. ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין דער דאָזיגער מעשה, איז דער לובלינער אַריינגעקומען צו תקיעת שופר.

**און כאָטש מיר האָבן נישט אַפילו די מינדעסטע השגה אין דער גרויסקייט און הייליגקייט פון רבי'ן פון לובלין זי"ע, איז דאָס אַ לימוד פאַר אונז, אַז די עיקר גדלות פון אַ מענטש איז ווען ער האַלט זיך צוריק פון אַ כעס...**

די גמרא פירט אויס אַזוי ווי דער צווייטער צד פונעם ספק, אַז מ'נעמט אָן די טענה פונעם בעה"ב פון פעלד, און מ'זאָגט אַז וויבאַלד ער האָט מתפלל געווען אין ראש השנה אַז דער אויבערשטער זאָל איהם געבן הצלחה אין די ווייץ וואָס מ'וועט איינזייען אין זיין פעלד, וואָלט ער אַוודאי מצליח געווען ביי די ווייץ, כאָטש אַלע מענטשן פון לאַנד האָבן שאָדן געהאַט זייערע תבואות, נאָר וויבאַלד דער מענטש וואָס האָט געדינגען האָט געטויש, און איינגעזייט דאָרט גערשטן, האָט ער שאָדן געהאַט צוזאַמען מיט אַלע מענטשן פון לאַנד, ווייל אויף דעם האָט ער דאָך נישט געבעטן אָנהייב יאָר.

**זעהען** מיר דאָ דעם ריזן כח פון תפילה. און נאָך מער, די דערמאָנטע הלכה, איז נישט געזאָגט געוואָרן דווקא אויב דער וואָס פאַרדינגט דאָס פעלד איז איינער פון די 'צדיקי הדור', אָדער אַמוזייניגסטענס פון די ל"ו צדיקים נסתרים, נאָר יעדער איד - יהיה מי שיהיה - איז בכח צו טענה'ן, "איך האָב אָנהייב יאָר מתפלל געווען אויף די הצלחה פון ווייץ, און איך בין זיכער, אַז אויב דו וואָלסט מיך געפאָלגט און איינגעזייט ווייץ, וואָלט די תבואה נישט קאַליע געוואָרן, אַפילו ווען עס איז אַ "מכת מדינה"... און מיט אט די טענה, נעמט מען אַרויס געלט פון דעם דינגער, לויט'ן דין פון דער תורה. אויב עס וואָלט געווען אַפילו אַ 'ספק-ספיקא' אַז די תפילה וועט נישט העלפן, ווי אַזוי קען ער אַרויסנעמען געלט פון איהם? מיר האָבן דאָך אַ כלל, 'המוציא מחבירו עליו הראיה'. אלא מאי, זעהען מיר פון דאָ, אַז די תפילה פון יעדן איד העלפט אין די הייליגע טעג, אַזוי ווי די תפילה פונעם צדיק הדור[לו], ממילא איז ער זיכער אַז זיין תפילה וועט אָנגענומען ווערן פאַר'ן באַשעפער.

**דער** לימוד פון דעם פאַר אונז איז, אויב אַ פשוט'ער מענטש איז בכח צו פועל'ן מיט זיין תפילה וואָס ער איז מתפלל אָנהייב יאָר, געראַטעוועט צו ווערן פון אַ 'מכת מדינה', דאָס הייסט, די גאַנצע וועלט זאָל פאַרלירן געלט און ער וועט פאַרבלייבן מיט פאַרדינסטן, קענען מיר אויך פועל'ן אין אַלע ענינים: אויב עמיצער נויטיגט זיך אין אַ רפואה שלימה, קען ער אויסגעהיילט ווערן, קעגן די מיינונג פון די דאָקטוירים וואָס האָבן איהם אויפגעגעבן חלילה, אָדער צו שעפן נחת דקדושה, אויך אין פאַל ווען "אַלע" מחנכים האָבן "געהויבן הענט" אין יאוש, אָדער געהאָלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא, קעגן דער מיינונג פון "אַלע" מומחים, אָדער אויפצושטעלן אַ אידישע שטוב, אויך ווען "אַלע" שלום-מאַכער האָבן אויפגעגעבן האָפענונג... דאָס זעלבע, יעדער מענטש מיט זיין ווייטאָג איז אימשטאַנד אַרויפצוציין אויפ'ן "דרך המלך" מיט זיינע תפילות, אָנהייב יאָר.

**אפילו** אויב די גזירה איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן חלילה וחס, איז די תפילה אָנהייב יאָר בכוח בטל צו מאַכן אַלע שווערע גזירות[לז], ווי עס שטייט אין ספה"ק "ערבי נחל" (דרוש לפסח, דרוש ב'): ביי דעם 'ברית בין הבתרים', האָט דער אויבערשטער געזאָגט (בראשית טו, יג) "ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה", און זיי וועלן פייניגן די אידן פיר הונדערט יאָר. דאָס איז געווען

---

**לו.** זיי גיבן צו אַ וואונדערליך וואָרט. דער פסוק "ותגזר אומר ויקם לך" איז געזאָגט געוואָרן וועגן חוני המעגל (תענית כג.), וואָס האָט מיט זיין תפילה אַלעס גע'פועל'ט אין הימל, ווי אַ זון וואָס בעט זיך ביי זיין טאַטע און ער גיט איהם נאָך זיין באַגער. פון דעם לערנען מיר, אַז יעדער "פשוט'ער איד" איז בכח אין ראש השנה, צו פועל'ן מיט זיין תפילה, פונקט אַזוי ווי חוני המעגל...

**לז.** הרה"ק בעל 'ערבי נחל' זי"ע ברענגט (לר"ה) אַ מורא'דיגע מעשה פון איינע פון די תלמידים פון אריז"ל (אין ספה"ק 'היכל הברכה', ברענגט הרה"ק רבי אייזיקל קאַמאַרנער זי"ע, אַז דער תלמיד האָט געהייסן רבי יוסף מערבי), אַז אין דעם טאָג פון ראש השנה האָט אליהו הנביא זכור לטוב זיך באַוויזן צו איהם און איהם געזאָגט, למען השם, זאָלסט זיך שטאַרקן מיט תפילה און תחנונים, ווייל די מקטרגים האָבן זיך זייער געשטאַרקט אַזוי ווייט אַז מיכאל, דער גרויסער שר וועלכער דערמאָנט אייביג די זכותים פון אידישע קינדער, איז איינגעשטילט געוואָרן און זיין כח איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ער האָט ממש נישט וואָס צו ענטפערן.

האָט דער תלמיד פונעם אריז"ל געפרעגט דעם מלאך מיכאל, מ'האָט דאָך יענעם יאָר געלערנט אַסאַך תורה אויף דער וועלט, און וואו איז דער זכות פון תורה? האָט אליהו איהם געענטפערט, אַז אויף דעם זעלבסט איז

די גזירה פון "שיעבוד מצרים", וואָס איז קלאָר אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורכ'ן באַשעפער, אָבער פונדעסטוועגן, ווען די אידן האָבן געקרעכצט און געוויינט, "ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו" (שמות ב, כג), איז באַלד מקויים געוואָרן "ותעל שועתם אל האלקים מן העבודה", און זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון מצרים נאָך בלויז 210 יאָר אין גלות.

דאָס איז דערפאַר ווייל אַזוי איז דער רצון פון באַשעפער באַלד ביים גזר דין, אַז ווען אַ איד שרייט אויס צום אויבערשטען, זאָל זיין משפט געענדערט ווערן צום גוטן. דאָס הייסט, אַז באַלד ווען דער אויבערשטער גיט אַרויס די גזירה, איז ער אויך גוזר אַז די גזירה זאָל בטל ווערן ווען דער איד וועט מתפלל זיין בטל צו מאַכן די גזירה.

לויט דעם, זאָגן די ספרים אַ טעם פאַרוואָס מ'זאָגט ראש השנה "זכר ליציאת מצרים". לכאורה, וואָס פאַר אַ שייכות האָט יציאת מצרים מיט ראש השנה, "זה היום תחילת מעשיך, זכרון ליום ראשון"? נאָר פון דעם לערנען מיר, אַז פונקט ווי די אידן האָבן געמאַכט אַן "איבערקערעניש", און בטל געמאַכט

---

דער קיטרוג רח"ל, ווייל מ'האָט נישט געלערנט ווי געהעריג (עיי"ש). האָט דער תלמיד ווייטער געפרעגט אליהו'ן, און וואָס זאָגט אברהם אבינו ע"ה צו דעם? ער איז דאָך דער טאַטע פון כלל ישראל, און פאַרוואָס קומט ער נישט מלמד זכות זיין, מ'וועט דאָך איהם נישט אַוועקשיקן מיט ליידיגע הענט? האָט אליהו איהם געענטפערט, אַז אברהם זאָגט אַז ער שעמט זיך צו גיין בעטן פאַר זיי.

איז דער רב - דער תלמיד פונעם אריה"ק - געוואָרן דערציטערט, און אויסגעשריגן מיט אַ יאָמערליך קול: עם ה' חזקו ונתחזקה בעד עמינו ובעד ערי אלוקינו, טוט תשובה אויף אַלע אייערע עבירות, ווער ווייסט, אפשר וועט דער אויבערשטער זיך באַרעכענען, ווייל ס'איז גרויס דער צאָרן רח"ל, די האנט פון די מקטרגים האָט זיך געשטאַרקט און ס'איז נישט געבליבן פאַר אונזער מליצי יושר וואָס צו ענטפערן פאַר זיי. ער האָט אַזוי לאַנג געשריגן מיט זיינע דברי כבושין אַז אידן זאָלן תשובה טוהן, ביז אליהו איז געקומען און ער האָט איהם געזאָגט, אַז אברהם אבינו ע"ה האָט זיך אָנגעקליידעט אין דעם כח התשובה פון יענע ביהמ"ד, און ער איז געקומען צום באַשעפער צו דערווייטערן דעם דין פון די אידן ביז יום כיפור, כדי אידן זאָלן אינצווישן קענען תשובה טוהן. באַלד נאָך ראש השנה האָט דער רב געשריבן צו אַלע נאָענטע ערטער, אַז מ'זאָל זעהן תשובה צו טוהן ווי ווייט מעגליך, און ער האָט זיי געלאָזט וויסן די גאַנצע מעשה, עכ"ל.

**די מעשה דאַרף אויפציטערן יעדעס אידישע האַרץ, ווי גרויס ס'איז דער כוח פון תפילה, אַז אין יענער שווערער צייט פאַר אידן, ווען מיכאל דער שר המליץ פאַר אידן האָט שוין נישט געקענט ממליץ טוב זיין פאַר זיי, און אברהם אבינו ע"ה, דער 'טאַטע פון כלל ישראל' האָט זיך שוין געשעמט צו גיין בעטן רחמים פאַר זיינע קינדער, האָט אבער תפילה געקענט בטל מאַכן אַלע דינים און פאַרמאַכן די מיילער פון די מקטרגים, ווי אליהו הנביא האָט געזאָגט, 'למען השם, התחזק להרבות בתפילה ותחנונים'.**

פון די מעשה לערנען מיר אויך וועגן דעם גרויסן כח וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר זיינע באַשעפענישן אויף דער וועלט, אַז נאָר דורך תשובה איז אברהם אבינו ע"ה געווען בכוח אָפצושטופן דעם דין ביז נאָך יום כיפור, און ס'איז דאָך גאַנץ מעגליך אַז **אַ איד מיט זיינע תפילות און מיט זיין תשובה, טוט ער 'אויפשאָקלען' אַלע עולמות, און ער איז גורם פאַר די אבות הקדושים מעורר רחמים צו זיין און בעטן פון באַשעפער פאַר דעם מענטש.**

אַ מורא'דיגע מעשה האָט פאַסירט אין דער ישיבה אין געיטסהעד מער ווי דרייסיג יאָר צוריק. יענעם יאָר איז ליידער נפטר געוואָרן אַ יונגער בחור ל"ע. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז נאָך דער דאָזיגער שרעקליכער פאַסירונג האָט אין די ימים נוראים, ביי 'ונתנה תוקף', געהערשט אַ גרויסע התעוררות צווישן די תלמידים פון דער ישיבה, און ווען זיי זענען אָנגעקומען צו די ווערטער 'ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה', האָבן די ווענט זיך ממש 'געשאָקלט' פון די גרויסע געשרייען און קולות וואָס מ'האָט געהערט אין היכל פון דער ישיבה. דער שליח ציבור, הגאון רבי מתתיהו סאָלאָמאָן זצ"ל (שפעטערדיגער משגיח פון דער ישיבה אין לעיקוואוד, וועלכער האָט דאַן געדינט אַלס משגיח אין גייטסהעד), האָט אויסגעשריגן הויך אויפ'ן קול: 'ותשובה ותפילה'...

די גזירה פון שעבוד מצרים דורך זייער תפילה און צעקה, און אַזוי זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון מצרים פאַר די צייט, אַזוי איז יעדער איד בכח צו מאַכן איבערקערעניש אין דעם טאָג. "אין דבר העומד בפני התפילה", בטל צו מאַכן דעם כח פון אַלע מקטרגים און משטינים[לח].

---

אַז בלוט האָט ממש גערינען פון זיין האַלדז, און איז געפאלן אויפ'ן מחזור וואָס איז געלעגן פאַר איהם אויפ'ן עמוד, און די ווערטער 'רוע הגזירה' זענען אויסגעמעקט געוואָרן... און וואונדער איבער וואונדער, די שלעכטע גזירה איז טאַקע 'אָפגעמעקט' געוואָרן... דאָס קומענדיגע יאָר, איז ב"ה נישט געוועין קיין איין נפטר אין געיטסהעד.

**לח. מיר האָבן אין די יעצטיגע טעג אַ מורא'דיגן כח מיט אונזערע תפילות צו צורייסן אַלע שלעכטע און שווערע גזירות און פויעל'ן אַ זיס לעכטיג יאָר.**

**אָט איז אַ מורא'דיגע מעשה, וואָס האָט פאַסירט צוויי יאָר צוריק, און ווייזט קלאָר דעם געוואַלדיגן כח התפילה וועלכע ליגט יעצט אין אונזערע הענט** - ווי איר קענט זעהן אין די דאקומענטן בייגעלייגט. די דאקומענטן זענען ארגינעלע דאקומענטן פונעם שפיטאל, און רעדן פון זיך אליין, בעסער ווי הונדערט עדים:

אונזערס אַ באַקאַנטער האָט זיך נישט גוט געשפירט אין לויף פון זומער שנת תשפ"ב. אין חודש אייר האָט ער זיך געלאָזט אונטערזוכן ביי אַ דאָקטאָר, און אַ צייט שפעטער זענען צוריקגעקומען די רעזולטאַטן פונעם 'טעסט' אַז עס איז דאָ אַן אָרט פאַר אַ חשש ה' ירחם. מ'האָט עס אָפגעשיקט צו אַ גרעסערע לאַבאָראַטאָריע, וואָס האָט טאַקע באַשטעטיגט אַז ער דער איד ליידט ליידער פון דער שרעקליכער מחלה רח"ל. זיי האָבן דריבער פאָרגעשלאָגן ער זאָל וואָס פריער זיך איינשרייבן צו 'טריטמענטס' אין דעם מעטאָאונקאָלאָגישן קליניק דווידוף אין ביילינסאָן שפיטאָל. נאָכ'ן אַדורכרעדן זיך מיט אַ צווייטן דאָקטאָר, איז אויך יענער דאָקטאָר געקומען צו דער זעלבער ביטערער מסקנה אַז די דאָקטוירים זענען ליידער גערעכט און ער דאַרף וואָס פריער קומען אין שפיטאָל פאַר די שווערע מעדיצינישע טריטמענטס ה' ירחם.

וויבאַלד ס'איז געווען ענדע חודש אב, ווען עס פאַנגען זיך אָן די ימי הרחמים והרצון, האָט דער איד געפרעגט דעם דאָקטאָר אויב מ'קען אפשר אָנהייבן די טריטמענטס ערשט נאָך יום כיפור, צוגעבנדיג אַז **ער וויל זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר דעם באַשעפער און מתפלל זיין אויף זיין לעבן.** נאָך לאַנגע איינבעטונגען האָט דער דאָקטאָר מסכים געווען, און מ'האָט עס אָפגעלייגט אויף נאָך יום כיפור. ווען מ'האָט געמאַכט נאָך אַ 'טעסט' ה' חשוון תשפ"ג, האָט מען שוין געזעהן אַ שטיקל טויש, אָבער מ'איז נאָך נישט געווען זיכער... דער דאָקטאָר האָט דריבער צוגעשריבן אַז מ'דאַרף נישט פאָרזעצן די 'טריטמענטס', און ער האָט פאָרגעשלאָגן צוריקצוקומען אויף אַן אונטערזוכונג אַ חודש שפעטער... ווען מ'האָט איבערגעקוקט די רעזולטאַטן פון די אונטערזוכונגען וואָס מ'האָט געמאַכט י' כסלו תשפ"ג, האָט מען שוין אויפגעשריבן 'שוואַרץ אויף ווייס', אַז ס'איז נישט דאָ אַ לאַבאָראַטאָרישער באַווייז פאַר דער מחלה. ממילא, דאַרף מען נישט צוריקקומען פאַר 'טריטמענטס' בכלל, נאָר מ'זאָל קומען פאַר אַן אונטערזוכונג אין דריי חדשים אַרום... מ'האָט ממש געזעהן ווי דער איד איז בעזהי"ת אויסגעהיילט געוואָרן געגצליך, און **ס'איז נישט קיין וואונדער בכלל, ווייל די ערשטע טעסטן זענען געמאַכט געוואָרן פאַר חודש אלול, און פאַר די הייליגע טעג, און די שפעטערדיגע טעסטן זענען שוין געמאַכט געוואָרן נאָך ראש השנה און יום כיפור**, ווען דער איד האָט מתפלל געווען אויף אַן ערנסטן אופן פון טיפן האַרץ, און מיט אַ פולשטענדיגע אמונה אַז 'לה' הישועה', און דאָס האָט בחסדי ה' גע'פועל'ט ער זאָל אינגאַנצן אויסגעהיילט ווערן.

**אחי ורעי, ווי געזאָגט, רעדן מיר נישט דאָ פון אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט ביי די צדיקים פון די פריערדיגע דורות, נאָר ביי אַ איד וואָס לעבט מיט אונז דאָ, היינט, אין אונזער דור... ער האָט געגלייבט מיט'ן גאַנצן האַרץ און נשמה אַז די תפילות וואָס מ'איז מתפלל אין די ימי הרחמים והרצון האָבן אַ געוואַלדיגן כוח, און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט דערין ווי אין אַ רעטונג-ברעט, און דאָס איז איהם בייגעשטאַנען... ממילא, דאַרפן מיר זיך לערנען דערפון זיך צו שטאַרקן מיט אמונה אין דעם כח פון תפילה, און נישט ארויסלאזן דעם סידור און תהלימ'ל פון אונטער די הענט אין די טעג, און מיט דעם וועלן מיר זוכה זיין עס זאָל זיין 'לטוב לנו כל הימים', אמן.**

בדיקות מעבדה 11:50 ,7.6.2022

הודפס מאתר כללית און־ליין ב־07.06.2022

כללית

## תדפיס תוצאות בדיקה מתוך אתר "כללית און־ליין"

בדיקות המוגדרות מידע רפואי רגיש לא מוצגות באינטרנט. טווחי הנורמה הם ממוצעים כלליים בלבד ומוצגים כאן כדי לסייע לך להבין את תוצאות הבדיקות. חשוב לזכור שטווחי הנורמה משתנים מאדם לאדם בהתאם לגיל ולמצב הבריאות. בכל מקרה של הבדל בין טווח הנורמה המוצג בתוצאות לבין ההסבר על הבדיקה - יש להתייחס לערכי הנורמה המוצגים בתוצאות עצמן. להסבר המלא המותאם למצב הבריאות האישי אנו ממליצים לפנות לרופא או לרופאה המטפלים.

[redacted] מספר תעודת זהות [redacted]

תאריך ביצוע הבדיקה: 19.05.2022

| שם הבדיקה | תוצאה | התוצאה ביחס לטווח הנורמה |
|---|---|---|
| PCR JAK2 | זוהתה מוטציה | |

**בתדפיס המופק מהאתר ייתכנו שיבושים שונים כמו היפוך בסדר האותיות או הספרות. יש להתייחס אך ורק למידע הרפואי כפי שהוא מוצג באתר כללית. לשם טיפול רפואי או קבלת החלטה רפואית יש להתייעץ עם רופא. לשירות הלקוחות של כללית חייגו 2700***

---

כללית

| | | | |
|---|---|---|---|
| **שם הרופא** | ד"ר עדית קוברהבסקי | **מספר רשיון** | 30334 |
| **תחום** | המטולוגיה | **טלפון** | 03-9077220 |
| **כתובת** | ז'בוטינסקי, פתח תקוה | | |
| **מרפאה** | מרפאות קהילה בבלינסון | **מחוז** | ק.ה.ל.ת |

### סיכום יעוץ

תאריך: 30/06/2022

**פרטי המטופל:**
שם משפחה ופרטי: [redacted] מס זהות: [redacted] גיל [redacted] מין 1
ת.לידה: [redacted] ישוב: בני ברק רחוב: [redacted]
מס בית: 1 / 7 טלפון: [redacted] טלפון נוסף: [redacted]

לכבוד: ד"ר ברגס חיים ח

**תלונות:**
מעבדה:
המוגלבין 18.2, המטוקריט 56.5, RBC של 6.25, לויקוציטים 13700, טסיות 164
ש"ד 2, B12 בנורמה, FA בנורמה.
פריטין 18
JAK2 חיובי. מתאים למחלה מיאלופרוליפרטיבית.
המלצות:
להשלים רמת אריטרופויטין, סונר בטן.
יחל בקבלת אספירין יומי.
יומן להמשך טיפול בהקדם במרפאה המטאונקולוגית דחיפות בלינסון.

**אבחנות**

| קוד גילוי | אופיין | אבחנה |
|---|---|---|
| | | MYELOPROLIFERATIVE SYNDROME |

**פעולות ביעוץ**

| פעולות | קוד | כמות | בוצע בתאריך |
|---|---|---|---|
| 182 יעוץ מרחוק ע"י רופא מורשה-לא מגמיד | 182 | 1 | 30/06/2022 |
| 182 יעוץ מרחוק ע"י רופא מורשה-לא מגמיד | 182 | 1 | 25/04/2022 |

**סיכום והמלצות:** (במפורט)

בברכה,

| שם הרופא | מספר רשיון | חתימה וחותמת הרופא |
|---|---|---|
| ד"ר עדית קוברהבסקי | 30334 | |

---

# ד״ר עידית פזגל Idit Pazgal, MD

מומחית להמטולוגיה ולרפואה פנימית

רופאה בכירה במכון ההמטולוגי, המרכז הכוללני לתלסמיה, המוגלובינופתיות ואנמיות נדירות
ביה״ח בילינסון, מרכז רפואי רבין, פתח תקוה
משרד: שטרק מדיקל, ב.ס.ר. סיטי, מגדל 1, קומה 16
רח׳ ז׳בוטינסקי 61, פינת דרך יצחק רבין 2, פתח תקוה
טל. מזכירות 03-7280101, פקס 03-9313765, קביעת תורים: 03-5114424

תאריך 6.9.22

לכבוד
הרופא/ה המטפל/ת,

הנדון:

ד״ר נכבדה,

עבר ברור נרחב לאור אריטרוציטוזיס
כעת:
המוגלובין 17.7, המטוקריט 54, RBC של 5.91, לויוקציטים 12000, טסיות 169
2JAK חיובי
אריטרופויטין 5.66
פריטין 19, 12B בנורמה, FAבנורמה.
ש״ד 2
סונר בטן כבד וטחול תקינים.

ברקע:

...ול אנטיביוטי ממושך.
עישון.

לסיכום, אריטרוציטוזיס. מתאים למחלה מיאלופרוליפרטיבית מסוג PV.
המלצות:
יחל בקבלת אספירין 100 מ״ג יומי. לקחת לאחר האוכל.
הפסקת עישון.

מוזמן למרפאה המטולוגית בבלינסון לתאריך 30.10.22 יום א, שעת 10.00.
מרפאה המטולוגית בלינסון, מרפאות חוץ קומה 2.
מתן טופס 17

בברכה,
ד״ר עידית פזגל

---

מרכז רפואי רבין | בית חולים בילינסון | כללית

### סיכום ביקור אמבולטורי - מרפאת המטולוגיה

**תאריך ביקור:** 30/10/2022 **מספר קבלה:** 2022806851

**שם משפחה:**
**שם פרטי:**
כתובת:
טלפון:
סוג דם:

**מנהלת המערך ההמטולוגי:** פרופ' פיה רענני
**מנהל\ת יחידה:** פרופ' רענני פיה
מ.ר.21004
**אחות אחראית:** סעיד סידאווי
**טלפון:** 03-9378221
**פקס:** 03-9378206
מכתב הופק ע"י דר' פזגל עדית 30/10/2022 09:19

**סיבת הפניה/תלונה/מחלה נוכחית**

אריטרוציטוזיס.
המוגלובין 17.7 ,המטוקריט 54 ,RBC של 5.91 ,לויוקציטים 12000 ,טסיות 169.
JAK2 חיובי?
אריטרופויטין 5.6
פריטין 19 ,B12 בנורמה, FA בנורמה
סונר בטן - כבד וטחול תקינים.

ברקע:

, טיפול אנטיביוטי ממושך.
עישון - הפחית, כ 15 סגריות ליום.

הוחל טיפול באספירין.

הבוקר מעבדה מלאה כולל JAK2 ואקסון 12.
אריטרופויטין.

ביקורת חודש.

**לא ידועה רגישות לתרופות**

**המשך טיפול:**
--
לא

**סיכום והמלצות**
ביקורת חודש.

**דיווח פעולות:**

| קוד שירות | כמות | פעולה | תאריך | נרשם ע"י |
|---|---|---|---|---|
| 70087 | 1 | בדיקת רופא המטולוג במרפאה | 09:19 30/10/2022 | דר' פזגל עדית מ.ר.30334 |

**נחתם ע"י: דר' פזגל עדית מ.ר.30334** **חתימה:** __________

---

מרכז רפואי רבין | בית חולים בילינסון | כללית

### סיכום ביקור אמבולטורי - מרפאת המטולוגיה

**תאריך ביקור:** 04/12/2022 **מספר קבלה:** 2022907389

**שם משפחה:**
**שם פרטי:**
כתובת:
טלפון:
סוג דם:

**מנהלת המערך ההמטולוגי:** פרופ' פיה רענני
**מנהל\ת יחידה:** פרופ' רענני פיה
מ.ר.21004
**אחות אחראית:** סעיד סידאווי
**טלפון:** 03-9378221
**פקס:** 03-9378206
מכתב הופק ע"י דר' פזגל עדית 04/12/2022 10:00

**סיבת הפניה/תלונה/מחלה נוכחית**

אריטרוציטוזיס.
המוגלובין 17.7 ,המטוקריט 54 ,RBC של 5.91 ,לויוקציטים 12000 ,טסיות 169.
JAK2 חיובי?
אריטרופויטין 5.6
פריטין 19 ,B12 בנורמה, FA בנורמה
סונר בטן - כבד וטחול תקינים.
ברקע:
סכרת
השנה אישפוז עקב רגל סכרתית , אבצס, טיפול אנטיביוטי ממושך.
עישון - הפחית, כ 15 סגריות ליום.
הוחל טיפול באספירין.
הבוקר מעבדה מלאה כולל JAK2 ואקסון 12.
אריטרופויטין.
ביקורת חודש.
4.12.22.
מעבדה:
JAK2 שלילי
אקסון 12 שלילי
רמת אריטרופויטין 13
פריטין 21.
לסיכום, אין עדות מעבדתית למחלה מיאלופרוליפרטיבית.
המשך אספירין.
הבוקר ספירה עדכנית.
ימשיך במעקב המטולוגי.
ביקורת 3 חודשים.

**לא ידועה רגישות לתרופות**

**המשך טיפול:**
--
לא

**סיכום והמלצות**
ביקורת 3 חודשים.

**דיווח פעולות:**

| קוד שירות | כמות | פעולה | תאריך | נרשם ע"י |
|---|---|---|---|---|
| 70087 | 1 | בדיקת רופא המטולוג במרפאה | 10:00 04/12/2022 | דר' פזגל עדית מ.ר.30334 |

Page 1 of 2

---

מרכז רפואי רבין | בית חולים בילינסון | כללית

### סיכום ביקור אמבולטורי - מרפאת המטולוגיה

**תאריך ביקור:** 04/12/2022 **מספר קבלה:** 2022907389

**שם משפחה:**
**שם פרטי:**
כתובת:
טלפון:
סוג דם:

**מנהלת המערך ההמטולוגי:** פרופ' פיה רענני
**מנהל\ת יחידה:** פרופ' רענני פיה
מ.ר.21004
**אחות אחראית:** סעיד סידאווי
**טלפון:** 03-9378221
**פקס:** 03-9378206
מכתב הופק ע"י דר' פזגל עדית 04/12/2022 10:00

**נחתם ע"י: דר' פזגל עדית מ.ר.30334** **חתימה:** __________

Page 2 of 2

הודפס מאתר כללית און־ליין ב־23.09.2024.

**בלב קרוע ומורתח - מתפלל זיין און בעטן ווי אָרימעלייט מיט הכנעה**

**דער** רמב"ם ז"ל שרייבט (פירוש המשניות, ר"ה פ"ד) אז די טעג פון ראש השנה זענען טעג פון עבודה און הכנעה[לט], פחד און מורא פאַר דעם אויבערשטען, און אַ געלעגנהייט צו 'אַנטלויפן' צום באַשעפער. און אַזוי זאָגט די גמרא (ר"ה טז:) 'כל שנה שרשה בתחילתה, מתעשרת בסופה'[מ]. זאָגט רש"י, 'שישראל עושין עצמן ראשין ראש השנה, לדבר תחנונים ותפילה'. אידן מאַכן זיך אָרים אין ראש השנה[מא], בעטנדיג תחנונים און תפילות ביי דעם אויבערשטען, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (משלי יח, כג) 'תחנונים ידבר רש'[מב].

**דער** געדאנק איז, אז ווען מען גייט אַריין אין די יעצטיגע טעג דאַרף מען שפירן, אַזוי ווי איינער וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט, אַזוי ווי ס'איז דער לשון

---

**לט.** הגה"צ רבי אלי' לאַפּיאַן זצ"ל האָט אַמאָל געהערט דעם שליח ציבור זאָגן 'המלך' אין די ימים נוראים, און ער האָט געשפּירט אַז יענער האַלט זיך פאַר אַ 'יש'. שפּעטער האָט רבי אלי' לאַפּיאַן איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט נישט געזאָגט 'המלך' ווי געהעריג. האָט דער בעל תפילה זיך געוואונדערט אויף ר' אלי'ס שאלה, ווייל ער האָט דאָך עס געזאָגט הויך אויפ'ן קול, און מיט אַ נעימות, אַזוי ווי ס'איז דער מנהג ישראל. האָט רבי אלי' לאַפּיאַן איהם געענטפערט:

- ווען דו האָסט געזאָגט 'המלך', זענען דאָרט געווען צוויי 'קעניגן', ווייל דו אַליין ביזט אויך געווען אַ 'ישות' פאַר זיך, און די גמרא זאָגט דאָך 'אין שני מלכים משתמשים בכתר אחד' (חולין ס:).

**מ.** איינע פון די גאונים און צדיקים פון ירושלים האָט דערציילט, אַז זיין פאָטער איז אַסאַך יאָרן געווען דער שליח ציבור אין די ימים נוראים אין דער שול 'זהרי חמה' אין ירושלים. פאַר ראש השנה שנת תרפ"ה, איז געקומען אַ חשוב'ער איד פון חוץ לארץ און געזאָגט אַז ער וויל זיין דער שליח ציבור אין די הייליגע טעג. זיין טאַטע איז געווען מסופק אויב ער זאָל צולאָזן יענעם איד צו דאַווענען פאַר'ן עמוד, ווייל ס'איז איהם געווען שווער אויפצוגעבן זיין לאַנג-יעריגן מנהג צו זיין דער שליח-ציבור. איז ער געגאַנגען זיך אַדורכרעדן מיט דעם מקובל רבי שלמה אלישיב זצ"ל, מחבר פון 'לשם שבו ואחלמה', וואָס ער זאָל טוהן. האָט דער 'לשם' איהם געענטפערט:

- **ווען עס קומט אונטער אַן עגמת נפש פאַר דעם יום הדין, טוט דאָס אַסאַך אַרויסהעלפן זוכה צו זיין ביים דין, און ממילא, איז כדאי פאַר דיר מוותר צו זיין.** מיט דעם אַלעם, אויב ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן אין הימל אַז דו זאָלסט זיין אַ שליח ציבור, וועט דיר אונטערקומען אַ געלעגנהייט צו דאַווענען ערגעץ אַנדערש...

(אַזוי איז טאַקע געווען, אַז מ'האָט איהם איינגעלאַדן צו קומען דאַווענען אין אַן אַנדערע שול, אַן אויפגאַבע וואָס איז פאַר איהם געווען גאָר שטאַרק מכובד).

**מא.** דער משגיח פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, הגה"צ רבי חיים פרידלאַנדער זצ"ל, האָט געשריבן אַ בריוו ערב ראש השנה תשמ"ה (ווען ער איז געלעגן אין בעט, נישט געזונט), אויף דעם וואס רש"י זאגט אז 'מען **מאַכט זיך** ווי מען איז אָרים'. דאס מיינט מען אַוודאי נישט אַז מען מאַכט זיך '**כאילו**' מען איז אָרים, נאָר רבי יצחק לערנט אונז אַ דרך אין די עבודה פון ראש השנה. אז **דער מענטש זאָל פאַרשטיין און קלאָר מאַכן פאַר זיך אין ראש השנה, אַז אַלע זיינע טאָג-טעגליכע באַדערפענישן אינעם נייעם יאָר, ווערן נגזר אויף איהם אין דעם טאָג פון ראש השנה,** ווייל אויף דער מינוט פאַרמאָגט ער גאָרנישט. ער דאַרף אַלעס באַקומען פונדאַסניי.

נו, וועט איינער פרעגן, איך האָב, ברוך השם, אַ קביעות'דיגע פרנסה, אויך אַ פאַרמעגן מיט געלט וואָס איך האָב אַוועקגעלייגט אויף אַ זיכערן אָרט. ער האָט גוטע כשרונות און פאַרבינדונגען און גוטע ידידים. ער האָט אַ משפחה מיט אַ הויזגעזינד וכו'. ווי אַזוי קען אַזאַ איד זיך אַוועקשטעלן ראש השנה פאַר דעם אויבערשטען, אַזוי ווי אַן 'עני בפתח'?

נאָר וואָס דען, **דער מענטש דאַרף וויסן אַז אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט איז נאָר ווייל אַזוי וויל דער אויבערשטער. ער האָט נאָר אַזוי פיל וויפיל דער אויבערשטער וויל ער זאָל האָבן, און אויב דאָס איז חלילה נישט דער רצון פון דעם אויבערשטען, קען ער אַלעס פאַרלירן אין אַ סעקונדע ח"ו**, אָדער אַז אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט וועט איהם נישט העלפן אין אַ מצב פון אַן אומגליק אָדער קראַנקהייט רח"ל.

**מב.** מיר וויסן פון אַ יונגערמאַן, וואָס אין די טעג פאַר ראש השנה האָט ער באַקומען אַ גרויסע ירושה, אַ סכום מיט וועלכן ער האָט שפּעטער געקענט חתונה מאַכן אַלע זיינע קינדער בהרחבה. האָט דער יונגערמאַן שפּעטער

פונעם פייטן (שחרית ליום ב' דר"ה) 'אתיתי לחננך בלב קרוע ומורתה, בקש רחמים בעני בפתח', און אויך זאָגן מיר, 'כדלים וכרשים דפקנו דלתיך'[מג].

**אויך** זאָגט די גמרא (ר"ה כו:), אַז ס'איז אַ מצוה צו בלאָזן מיט אַ שופר פון אַ ווידער ('איל')[מד], וואָס איז געבויגן, ווייל וואָס מער דער מענטש בייגט זיין

---

געזאָגט: איך בין אַריין אין ראש השנה מיט אַ געפיל אַז איך בין 'מסודר'... ממילא, האָב איך נישט געדאַווענט פון טיפן האַרצן... דער סוף איז געווען, אַז ס'איז בכלל נישט געווען אַזאַ 'מוצלח'דיג' יאָר.

**מג.** דער בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל, האָט זיך געפירט צו זאָגן אַסאַך תהלים אין דעם טאָג פון ראש השנה. ער האָט עס ערקלערט, ווייל אין דעם טאָג איז דער מענטש אַזוי ווי איינער וואָס זיינע פאַרמעגענס זענען צוזאַמענגעפאַלן רח"ל, און אויך איינער וואָס איז ביז דעמאָלס געווען מסודר מיט זיין פרנסה, און זיין משפחה איז, ברוך השם, געווען געזונט, און אַזוי אין אַלע אַנדערע ענינים, אָבער אין יענע סעקונדע הענגט אַלעס 'אויף אַ האָר'. אַלעס גייט אַרויף אויפ'ן וואָגשאָל, און עס װענדעט זיך אין איהם. דעריבער דאַרף ער גאָר אַסאַך בעטן רחמים ותחנונים פון דעם אויבערשטען, ער זאָל איהם געבן אַ גוט יאָר. דאָס איז בפשטות די כוונה פון די תפילה, **'כדלים וכרשים דפקנו דלתיך', פשוטו כמשמעו ממש, אויך בגשמיות, ווייל אין דער רגע שטייט ער דאָך נאַקעט און באָרוועס כפשוטו ממש.**

האָט דער בריסקער רב ערקלערט, אַז פאַר דעם טוט ער ענדערש זאָגן תהלים מער ווי צו לערנען זיינע קביעות'דיגע שיעורים, ווייל ביים לערנען קומען אויף אין זיין מח פאַרשידענע הערות און קשיות אויף דעם וואָס ער לערנט, און ער דאַרף זוכן אין די ספרים צו טרעפן תירוצים אויף די קשיות, און עס קען זיך אַמאָל פאַרציען ער זאָל פאַרברענגען אַפילו אַ סעקונדע ביים זוכן. צוליב דעם זאָגט ער ענדערש תהלים, ווייל אַזוי נוצט ער אויס די צייט בתכלית השלימות.

**מד.** מ'דערציילט וועגן הרה"ק רבי שלום שכנא פון פראָבישט זי"ע (פאָטער פון הייליגן רוזינער זי"ע), אַז איין יאָר ווען ער איז געווען אויף ראש השנה ביי זיין עלטער שווער, הרה"ק רבי נחום טשערנאָבילער זי"ע, דער בעל 'מאור עינים', איז ביי תפילת מנחה ערב ראש השנה (וואָס ס'איז באַקאַנט פון די מקובלים - זעה 'בן איש חי', פ' נצבים, דיני ר"ה – אַז מ'דאַרף גאָר שטאַרק מכוין זיין ביי די דאָזיגע תפילה, וואָס איז די לעצטע תפילה פונעם יאָר. ביי תפילת מנחה ערב ראש השנה, קען מען אויפהייבן אַלע אַנדערע תפילות וואָס מ'האָט נישט געדאַווענט געהעריג), האָט ער געשפירט אַ בחינה פון 'קטנות' און 'בלבול' המוחין, און ער האָט נישט געקענט אין זינען האָבן ביים דאַווענען. ער האָט אָבער נישט אויפגעגעבן, און מיט אַלע כוחות האָט ער זיך באַמיהט למעלה מן הטבע, און געדאַווענט מיט'ן פשוט'ן 'פירוש המלות'.

נאָכ'ן דאַווענען, איז דער עלטער-שווער, רבי נחום טשערנאָבילער, צוגעקומען צו רבי שכנא'ן און געזאָגט:

- זאָג מיר, ביטע, וועלכע כוונות האָסטו יעצט אין זינען געהאַט ביים דאַווענען, ווייל פילע טויזנטער נשמות האָבן יעצט באַקומען זייער תקון ביי דיין מנחה, ווייל **אַן עבודה וואָס עס קומט אָן שווער פאַר דעם מענטש, און ער באַמיט זיך דערויף מיט אַלע כוחות, איז חשוב ביי דעם אויבערשטען פיל פיל מער, ווי אין אַ צייט ווען אַלעס גייט-צו 'גלייך'.**

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע, טייטשט די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די ימים נוראים (פיוט 'לא-ל עורך דין') 'לצופה נסתרות ביום דין'. אַסאַך מענטשן גרייט זיך צו ראש השנה מיט אַ גרויסע הכנה, אָבער ווען עס קומט דער יום הדין, פאַסירט אָפט מאָל אַז זיי שפירן נישט אַ התלהבות און התעוררות ביים דאַווענען. און נישט נאָר דאָס, נאָר ער זעהט ווי זיין חבר האָט זיך אויך נישט צוגעגרייט ריכטיג, און יעצט, ראש השנה, דאַווענט זיין חבר מיט התלהבות, און מיט אַ חיות און התעוררות. **זאָל ער נישט ווערן געפאַלן ביי זיך, נאָר ער זאָל זיך שטאַרקן מיט אמונה, אַז דער אויבערשטער איז דער 'צופה נסתרות', און אַלע פאַרבאָרגענישן זענען אַנטפלעקט פאַר איהם. ער אַליין ווייסט זיינע ווייטאָגן און יסורים. ער ווייסט וועגן די גרויסע הכנה וואָס ער האָט געמאַכט צום יום טוב פון ראש השנה.**

אַ חסיד האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט פאַר הרה"ק בעל 'צמח צדק' זי"ע פון ליובאַוויטש, אַז ער מאַכט הכנות צום דאַווענען לאַנגע שטונדן, אָבער ווען עס קומט צום דאַווענען, שפירט ער נישט קיין שום התעוררות... האָט זיין רבי איהם געזאָגט: וואָס אַרט דיך ווען דו דאַווענסט. **דו האָסט דאָך שוין געדאַווענט פאַר'ן דאַווענען...**

ס'איז פשוט אַז מ'דאַרף מתפלל זיין מ'זאָל נישט האָבן אַ נסיון ח"ו, ווי עס ווערט דערציילט, אַן אָרימאַן איז

דעה, איז בעסער פאַר איהם. זיין הכנעה און 'זיך בייגן' פאַר דעם באַשעפער, זענען מעורר אויף איהם אַסאַך רחמים[מה].

די ספרים זענען דאָס אויך מרמז אין דעם אופן פון די תקיעות וואָס מ'דאַרף בלאָזן אין ראש השנה, פון דער קורצער שמאָלער זייט. דאָס קומט צו לערנען דעם מענטש אַז ער זאָל זיך מכניע זיין, און שפירן אַז ער איז אין אַן 'ענגשאַפט', ווען נישט דער פאַקט וואָס דער אויבערשטער העלפט אונז, און אַזוי וועט ער האָבן הרחבה.

**וחיל ורעדה יאחזון - יראה און פחד פאַר'ן דין**

די גמרא זאָגט (ר"ה ח.) אַז אין דעם ערשטן טאָג פון חודש תשרי איז 'ראש השנה לשנים', און ווייטער זאָגט דאָרט די גמרא, אַז די כוונה איז 'לדין'[מו] - צום משפט, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (דברים יא, יב) 'מרשית השנה ועד אחרית שנה'. 'מראשית השנה נידון מה

---

אַריינגעגאַנגען פרייטאָג צום קצב, און איהם געבעטן ער זאָל איהם געבן אַביסל פלייש אויף שבת אומזיסט, כדי ער און זיינע בני בית זאָלן קענען מקיים זיין די מצוה פון 'עונג שבת'. דער קצב האָט רחמנות געהאַט אויף איהם, און ער האָט איהם געגעבן אַ שטיקל פונעם קאָפּ פון די בהמה, און אויך אַ שטיקל פונעם האַרץ, און געזאָגט, דאָס זענען שטיקלעך וואָס מענטשן קויפן נישט אַזוי, ווייל זיי זענען נישט אַזוי ראוי צום עסן.

די דאָזיגע סצענע, האָט זיך איבערגע'חזר'ט יעדע וואָך. איינמאָל ווען ער איז געקומען צום קצב, האָט דער קצב איהם געזאָגט אַז דאָס פלייש האָט זיך אויסגעלאָזט. האָט דער אָרימאַן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און געזאָגט מיט אַ צובראָכן האַרץ: וואָס האָב איך דען דאָ שוין געבעטן? אַביסעלע קאָפּ, און אַביסעלע האַרץ... דאָס זעלבע בעטן מיר: **רבונו של עולם, גיב אונז אַביסעלע 'קאָפּ' און אַביסעלע 'האַרץ'... דערלייכט אונזערע אויגן און עפען אונזער האַרץ, אַז מיר זאָלן שפּירן די קדושה פונעם טאָג.**

**אויך איז ראוי צו זאָגן די 'תפילה קודם התפילה' וואָס דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק האָט מתקן געווען צו זאָגן, וואו מיר בעטן צווישן אַנדערע, 'והכן לבבינו'... אָבער אויב דער מענטש איז שוין צוגעקומען צו אַ נסיון, זאָל ער נישט ווערן טרויעריג ח"ו, נאָר ער זאָל וויסן אַז אַ תפילה וואָס קומט אָן שווער פאַר'ן מענטש, איז אַסאַך חשוב'ער אין הימל.**

דאָס איז נאָך מער געזאָגט געוואָרן פאַר די 'בית יעקב אלו הנשים', וועלכע זענען זוכה צו זיין מטופל מיט קליינע קינדער, און זיי ערציען דעם המשך און קיום פון כלל ישראל, און זיי קענען נישט גיין אין שול אַריין דאַווענען צוזאַמען מיט רבבות אלפי ישראל. טאָרן זיי נישט אַריינפאַלן ח"ו אין עצבות צו טראַכטן אַז זיי האָבן נישט זוכה געווען צו דאַווענען, ווייל **באמת האָבן זיי אַ גרויסן חלק אין דעם זכות פון זייערע מענער'ס תפילות.**

זיי דאַרפן געדענקען וואָס הגאון רבי לייבל לאַפּיאַן זצ"ל האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין פאָטער הגאון רבי אליהו לאַפּיאַן זצ"ל, אַז **ער האָט בקבלה אַז די פרויען וואָס בלייבן אינדערהיים אין די ימים נוראים און גיבן זיך אָפּ מיט די קינדער, דאַרפן נישט אָנקומען צו אַלע תפילות און צו דעם גאַנצן מצב וואָס איז דאָ אין שול, כדי זייערע תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן, ווייל ס'איז דאָ אַ ספּעציעלער 'צינור' וואָס פירט אַרויף זייערע תפילות צום כסא הכבוד. מיט אַ פּאָר ווערטער וואָס זיי האָבן די מעגליכקייט צו דאַווענען, קומען זיי צו נאָנט צום כסא הכבוד, פונקט אַזוי ווי דער גאַנצער קהל הקודש וואָס שטייט און דאַווענט לאַנגע שעה'ן, און מ'קרוינט דעם גרויסן קעניג פון דער וועלט, און מ'בעט רחמים ותחנונים ביי דעם 'מלך קדוש היושב על כסא רם ונישא'.**

**מה.** אַזוי זאָגט די גמרא (ר"ה טז:) אַז אַ 'שינוי מקום' - ווען דער מענטש טוישט זיין אָרט, און ער גייט אַריבער ערגעץ אַנדערש - צערייסט עס דעם גזר דין פונעם באַשעפער. זאָגט אויף דעם דער רמב"ם ז"ל (הלכות תשובה פ"ב, ה"ד) אַ טעם דערפאַר, ווייל גלות איז מכפר אויף די עבירה, ווייל ס'איז גורם פאַר דעם מענטש **צו ווערן אונטערטעניג**, און צו זיך האַלטן קליין. זעהען מיר פון דעם אַז **הכנעה צערייסט דעם גזר דין וואָס איז דאָ אויפ'ן מענטש, און פירט אַוועק די שלעכטע גזירה.**

**מו.** אַ איד פון אַמעריקע (וועלכער זיצט היינט על התורה ועל העבודה אין ארצינו הקדושה), וועמענס עלטערן וואָס האָבן מיטגעמאַכט די שוידערליכקייטן פון דער צווייטער וועלט מלחמה אין די לאַגערן, און נאָך די מלחמה האָבן זיי ליידער אינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול מלכות שמים רח"ל. זייענדיג אָפּשטאַמיגע פון פוילן, האָבן זיי גערעדט אינדערהיים די אידישע שפּראַך, און דאָס איז געווען די גאַנצע שייכות פון זייער זון מיט אידישקייט.

ווען דער זון איז געוואָרן 20 יאָר אַלט, איז ער לײדער אַרײַנגעדרייט געוואָרן אין האַנדלען מיט 'דראַגס', מיט צוויי גוי'אישע שותפים. נאָך פינף יאָר איז ער געכאַפּט געוואָרן ממש אינמיטן האַנדלען. איינער פון די צוויי גוי'אישע שותפים האָט באַוויזן צו אַנטלויפן, דער צווייטער איז געוואָרן אַן 'עד מדינה', כדי צו פאַרגרינגערן זיין שטראָף, און דער אידישער בחור איז פאַראורטיילט געוואָרן צו 25 יאָר טורמע. ער האָט געדונגען אַ גרויסן אַדוואָקאַט איהם צו העלפן ביים אַפּעלאַט קעגן דעם אורטייל, אָבער זיין אַדוואָקאַט האָט איהם געזאָגט, אַז ווי עס ווייזט אויס, וועט ער זיך נישט קענען אַרויסדרייען פון אַ האַרבע טורמע שטראָף פון אַסאַך יאָרן. אַלעס וואָס ער קען טוהן, איז פּרובירן פאַרקלענערן אַביסל פון דער צאָל יאָרן וואָס ער וועט דאַרפן זיצן אין טורמע.

דער בחור איז געוואָרן זייער צובראָכן. עטליכע טעג שפּעטער, האָט ער באַגעגנט (אין אַ רעסטאָראַן) אַן עלטערן איד. ווען יענער האָט געזעהן אַז ער איז אַזוי צוגעליגט, האָט ער איהם געפרעגט וואָס עס האָט מיט איהם פּאַסירט, פאַרוואָס ער איז אַזוי צוטראָגן. דער בחור האָט איהם נישטגעוואָלט ענטפערן, טראַכטנדיג ביי זיך, וואָס קען דער אַלטיטשקער מיר העלפן... יענער האָט איהם אָבער שטאַרק געבעטן ער זאָל איהם אַנטפּלעקן פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריג, און ער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט איבערגעלעבט די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, און האָט שוין לײדער געליטן אַסאַך צרות אויף דער וועלט. 'אפשר קען איך דיר העלפן'.

האָט דער בחור איהם דערציילט אַלעס וואָס עס האָט מיט איהם פּאַסירט, ווי ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט'ן געזעץ. האָט דער אַלטער איד איהם געזאָגט: ווי עס ווייזט אויס, וועט דיין ישועה נישט קומען פון דעם אַדוואָקאַט... קום מיט מיר, צו איינע פון די צדיקים וואָס וואוינט אין ניו יאָרק. די ברכה וואָס ער וועט דיר געבן, וועט דיר זיכער צונוץ קומען. דער עלטערער איד האָט איהם טאַקע גענומען צו איינע פון די צדיקים אין ניו יאָרק, און יענער האָט איהם געוואונטשן הצלחה.

ווען עס איז געקומען דער טאָג פון דעם משפּט, האָט דער אַדוואָקאַט פאַרשפּעטיגט אָנצוקומען, און ער האָט זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש איינצומעלדן, אַז ער האָט פאַרשפּעטיגט דעם פליגער, און ער וועט שוין נישט קענען אָנקומען באַצייטענס. ער שיקט אַלזאָ איינע פון זיינע סטודענטן, איהם צו פאַרטרעטן ביים משפּט.

ס'איז טאַקע געקומען איינער וואָס מ'האָט געקענט זעהן קלאָר, אַז ער איז נישט מער ווי אַן 'אָנהייבער'. ער האָט אין משך פון אַ גאַנצע שעה פאַרטיידיגט דעם בחור, אָבער זיינע אַרגומענטן האָבן נישט געהאַט 'קיין טעם און קיין ריח'... ווען דער סטודענט האָט געענדיגט זיין פאַרטיידיגונג, האָט דער שופט אַרויסגעגעבן דעם אורטייל, זאָגנדיג, אַז וויבאַלד עס זענען נישט דאָ קיין געהעריגע באַווייזן אויף זיין 'זינד', איז דער משפּט בטל ומבוטל, און דער בחור קען אַהיימגיין פריי...

דער בחור האָט נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויגן און אויערן. אָט האָט דאָס מזל מיט איינמאָל זיך איבערגעדרייט, און ער איז אַרויס ממש 'מאפילה לאורה'. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין 'פאַרטרעטער', דעם 'אַדוואָקאַט-סטודענט', און איהם געפרעגט ווי אַזוי האָט ער באַוויזן צו באַאיינפלוסן דעם שופט, איבערצודרייען זיין מיינונג. האָט ער איהם געענטפערט:

**- דער שופט איז נישט קיין אַנדערער ווי מיין זיידע... וויבאַלד ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך בין ערשינען אַלס אַ אַדוואָקאַט אין געריכט, האָט מיין זיידע מיך געוואָלט דערמוטיגן און אַרײַנבלאָזן אין מיר אַ זיכערקייט, איך זאָל גלייבן אין מיינע אייגענע כוחות. וועגן דעם האָט ער דיך געגצליך באַפרייט פון די שטראָף.**

דער בחור איז שפּעטער געגאַנגען באַדאַנקען דעם צדיק וואָס האָט איהם אָנגעוואונטשן אַ ישועה. האָט דער צדיק איהם געבעטן, אַז אַלס דאַנקבאַרקייט צום באַשעפער פאַר דעם וואונדערליכן נס וואָס ער האָט געטוהן מיט איהם, זאָל ער אָנהייבן לייגן תפילין. דער בחור האָט אַזוי געטוהן, און ער איז צום סוף געוואָרן אַ פולשטענדיגער בעל תשובה.

פון דעם קענען מיר לערנען אַ לימוד פאַר אונז. אויב דער שופט, אַ 'בשר ודם', האָט ביים משפּט געהאַט רחמנות אויף זיין אייניקל, איז דאָך אַוודאי אַז **אונזער ליבער פאָטער אין הימל וועט זיך דערבאַרימען אויף אונז ווען מיר וועלן שטיין פאַר איהם ביים שמפּט, 'כרחם אב על בנים'. מיר דאַרפן נאָר געדענקען אַז מיר זענען 'בנים למקום' - קינדער פון דעם אויבערשטען...**

דער גאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל אב"ד ירושלים, פלעגט זיך נישט נאָכפרעגן (אינמיטן יאָר) ביי שידוכים אין די משפּחה פאַר עמיצן וואָס פאַראַנגענעם ראש השנה האָט מען איהם נאָך נישט גערעדט שידוכים, ווייל ער

יהא בסופה'[מז]. טייטשט רש"י, אַז דער אויבערשטער טוט משפט'ן אין חודש תשרי אַלע מענטשן פון דער וועלט, וואָס עס וועט פאַרקומען מיט זיי ביז קומענדיגן חודש תשרי[מח].

---

האָט נישט מתפלל געווען פאַר זיי אין ראש השנה. אַמאָל האָט מען אָבער שטאַרק געדרוקט אויף איהם, און רבי יוסף חיים האָט משנה געווען פון זיין געוואוינהייט, און אַ שידוך געטוהן מיט'ן זון, כאָטש ער האָט נישט געבעטן דערויף דעם פריערדיגן ראש השנה. ליידער, האָט דער זון נישט זוכה געווען צו קינדער, און עטליכע יאָר שפּעטער האָט דאָס פּאָרפּאָלק זיך ליידער געג'גט רח"ל (מיר האָבן געהערט די מעשה פון אַן אייניקל פון רבי יוסף חיים).

אַוודאי רעדן מיר דאָ נישט 'הלכה למעשה'. רבי יוסף חיים האָט זיך נאָר געפירט אַזוי לויט זיין מדריגה. מיר ברענגען די מעשה נאָר כדי מ'זאָל פאַרשטיין אַז **אַלעס ווענדעט זיך אין ראש השנה, און ווי ווייט מ'דאַרף מתפלל זיין ראש השנה אויף יעדער זאַך וואָס מ'דאַרף האָבן.**

אַ פליג איז אַמאָל אַרומגעפלויגן אַרום דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, און וויפיל איינער פון די שטוב-מענטשן האָט פּרובירט צו פאַריאָגן דעם פליג, איז עס איהם נישט געלונגען. האָט דער 'חזון איש' איהם געזאָגט:

- **לאָז צורו דעם פליג. ער איז דאָך אַ ראש השנה'דיגער פליג...**

ער האָט געמיינט צו זאָגן, שוין אַ לאַנגע צייט פריער, ראש השנה, האָט מען שוין גע'פסק'ענט אין הימל אַז דער פליג זאָל מיך 'מוטשען'. ממילא, וועט נישט העלפן קיין שום פעולה צו שטערן דעם פליג אויסצופירן דעם אויבערשטען'ס באַפעל.

**מז.** די ספרים זאָגן, ביי אַלע ימים טובים זאָגן מיר 'זמן שמחתינו', 'זמן חרותינו', און אַזוי ווייטער, אָבער ראש השנה, זאָגט מען נאָר 'ותתן לנו את יום הזכרון הזה', ווייל אַלע ימים טובים זענען אַ זכר צו דעם וואָס עס האָט דעמאָלס פּאַסירט (נאָר יעדעס יאָר ווערט נתעורר פונדאַסניי דער ענין פון דעם יום טוב), אָבער ראש השנה איז נישט על שם העבר, נאָר אויף דעם 'הוה', און דעם עתיד. **דער גאַנצער מהות פונעם יום טוב איז ווייל היינט איז דער 'יום הזכרון', פאַר אַלע באַשעפעניש,** געדענקט צו ווערן און אַריבערגייין פאַר דעם אויבערשטען 'כבני מרון'.

אַמאָל אין חודש שבט, האָט אַ יונגערמאַן באַקומען אַ שטאַרקע לונגען אַנטצינדונג ל"ע און איז אַוועק פון דער וועלט רח"ל. האָט דער גאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים, געזאָגט:

- צי מיינט איר, אַז דער יונגערמאַן איז יעצט געשטאָרבן ווייל ער האָט באַקומען דעם לונגען אַנטצינדונג דורך די קעלטן? ער איז שוין 'נפטר געוואָרן' ווען די זון האָט געברענט אויפ'ן קאָפּ, אין דעם מחזור פון ראש השנה...

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז יענער האָט זיך פאַרקילט, ווייל זיין תפילה אין די הייליגע טעג איז געווען מיט 'קאַלטקייט'.

צו ערקלערן דאָס ענין קען מען זאָגן, אַ טאַטע איז אַמאָל געשטאַנען ל"ע פאַר די 'מיטה' פון זיין זון, וואָס איז ליידער אַוועק ביי אַ 'שפּאַציר' וואָס דער מלמד האָט געמאַכט מיט זיינע תלמידים, און ער האָט געשריגן הויך אויפ'ן קול: 'איך טוה נישט באַשולדיגן דעם מלמד...'. האָבן די מלווים געמיינט, אַז ער גייט אפשר באַשולדיגן דעם מנהל. ער האָט אָבער ווייטער פאַרגעזעצט: 'איך באַשולדיג נישט דעם מנהל'... האָבן די מלווים געטראַכט, ווער ווייסט וועמען ער גייט יעצט באַשולדיגן, ביז ער האָט געזאָגט: איך באַשולדיג נאָר זיך אַליין, אַז איך האָב זיך נישט אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר דעם באַשעפער אין דער צייט ווען ס'איז געווען 'ספרי חיים ו... פתוחים לפניו'. אויב איך וואָלט געוואוסט וואָס מ'טוט 'רעדן' וועגן מיר אין הימל אין יענער צייט, וואָלט איך נישט איבערגעלאָזט די שול, אַפילו אויף איין רגע...

לאָמיר אַלע אַלזאָ זיין אַזוי ווי דער חכם, וואָס 'עיניו בראשו', און טוהן אַסאַך מעשים טובים און בעטן דעם אויבערשטען. דאַן וועט דער אויבערשטער הערן אונזערע תפילות, און מיר וועלן געראַטעוועט ווערן מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה. אך טוב וחסד ירדפונו כל ימי חיינו.

**מח.** ס'איז כדאי צו ציטירן די ווערטער פונעם 'מגן אברהם' (סוף סימן תקצ"א) אַז **אַמאָל טוט מען אין איין ראש השנה משפּט'ן אויף עטליכע יאָר, אַזוי ווי פרעה האָט געזעהן אין חלום אַז עס וועלן קומען זיבן זאַטע יאָרן אין מצרים. דער מענטש וואָס האָט שכל, זאָל בעטן דעם אויבערשטען און איינרייסן וועלטן, ווייל מיט די תפילה קען ער פועל'ן אויף אַסאַך יאָרן.**

**אַזוי** זאָגן מיר אויך אין דעם פּיוט 'ונתנה תוקף', 'מי יחיה' וכו' וכו', 'ומלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון, ויאמרו הנה יום הדין'... אויך געפינען מיר אין זוהר הקדוש (ח"ג צח:) אויפ'ן פּסוק (קהלת ג, יד) 'והאלוקים עשה שיראו מלפניו', אַז דאָס גייט אַרויף אויפ'ן יום הדין, וואָס איז אַ טאָג פון יראה און פּחד פאַר דעם באַשעפער, 'מה' ומהדר גאונו'.

**דער** צל"ח (חגיגה יא.) זאָגט אַ טעם פאַר דעם וואָס דער פּסוק זאָגט (במדבר כט, א) 'יום תרועה יהיה לכם'. לכאורה, וואָלט דער פּסוק געדאַרפט זאָגן, 'תעבירו שופר תרועה', אַזוי ווי ער זאָגט ביי יובל. פאַרוואָס זאָגט ער 'יום תרועה יהיה לכם'? מ'בלאָזט דאָך נישט שופר אין משך פונעם גאַנצן טאָג.

**ענטפערט** דער צל"ח, אַז די כוונה איז, די מצוה איז נישט אַזוי ווי אַנדערע מצוות זמניות, אַזוי ווי נטילת לולב, וואָס אויב מ'האָט געשאָקלט דעם לולב, האָט מען יוצא געווען די מצוה, ווייל דאָ, איז דער גאַנצער טאָג אַ 'יום תרועה', וואָס מ'טייטשט דאָס וואָרט 'תרועה', אַז עס מיינט 'יבבא', אָדער 'גנוחי גנח', אָדער 'ילולי יליל'. און ער רופט-אָן דעם גאַנצן טאָג 'יום תרועה', כדי אונז צו לערנען אַז די מורא פונעם טאָג זאָל זיין אויף דיר, עכ"ל[מט].

**תקעו בחודש שופר - די גרויסקייט און סגולות פונעם שופר**

**דער** גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זצ"ל שרייבט ("יערות דבש", ח"א, דרוש יד) עמדו נא וראו, ווי פאַרכטיג עס איז דער טאָג פון ראש השנה, ווען עס ברענט אַ פייער אַרום און אַרום, און ביז תקיעות שופר, ברענען טויזענטער און טויזענטער קוילן פון פייער, און אַפילו די מלאכי השרת ציטערן פאַר דעם יום הדין, מ'קען זיך נישט פאָרשטעלן דעם גרויסן פייער וואָס עס ברענט אין הימל ביז מ'בלאָזט שופר אונטן אויף דער וועלט. אָבער ווען מ'בלאָזט שופר, קומט אַ ווינט פון חסד אין הימל, עס פאַרטרייבט דעם פייער, און עס רינען וואַסערן פון חסד, און דערפאַר וואַרטן אויך די מלאכים אויף תקיעת שופר.

**שרייבט** דער "יערות דבש" ווייטער, אַז וועגן דעם זאָל מען נישט צופיל מאריך זיין ביי תפלת שחרית ראש השנה, ווייל ווי אַזוי איז מעגליך, אַז ווען עס ברענט דאָס פייער אויבן אין הימל, שטייען מיר דאָ אונטן אויף דער וועלט און מיר פאַרברענגען צייט מיט געזאַנגען און ניגונים פון די חזנים.

**זעהען** מיר פון די הייליגע ווערטער פונעם "יערות דבש", ווי גרויס ס'איז דער כח פון תקיעת שופר, אַז עס איז מעורר רחמים און חסדים אויף דער וועלט[נ].

---

**מט.** דער פּסוק זאָגט וועגן ראש השנה (תהלים פא, ד) 'תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגינו'. ער זאָגט 'בכסה', פון לשון 'כיסוי' - צודעקן. האָט מיין זיידע, הגה"ח רבי שמעון אהרן הערשקאָוויץ זצ"ל, געזאָגט דערויף אַ משל, אַ יונגער מענטש איז ליידער אַוועק פון דער וועלט רח"ל, אַ זאַך וואָס האָט אַרויסגערופן אַ רעש אין דער גאַנצער שטאָט. יעדער האָט באַוויינט דעם יונגען נפטר איבער דעם גרויסן אומגליק רח"ל וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט. צווישן דעם עולם ביי דער לוי' האָט זיך אַרומגעדרייט זיין קליין קינד, אַ יונגל, וועלכער האָט נאָך נישט געקענט באַגרייפן די גרויסע צרה וואָס האָט איהם ליידער געטראָפן, וויפיל זיין טאַטע וועט איהם אויספעלן זיין גאַנץ לעבן. ער האָט זיך דעריבער גענומען שפּילן מיט'ן טלית מיט וועלכן זיין טאַטן'ס גוף איז געווען צוגעדעקט, און און געשלעפּט די ציצית. איז אַ איד צוגעגאַנגען צום קינד, און איהם געזאָגט: 'מיין טייער קינד, ווייסטו ווער עס ליגט אונטער דעם טלית? עס איז דאָך דיין ליבער טאַטע, וואָס מער וועסטו נישט זוכה זיין איהם צו זעהן'.

**דער נמשל איז, אָט אַזוי דאַרפן מיר נתעורר ווערן אין ראש השנה, ווייל אַלע דרייען זיך אַרום פרייליך און רואיג, אָבער קיינער ווייסט נישט וואָס עס ליגט באַהאַלטן 'אונטער דעם טלית' - 'בכסה ליום חגינו', און וואָס מ'האָט פאַרשריבן אויף יעדן איינעם ביים משפט אין דעם טאָג. אָבער מיט תפילה און תחנונים פאַר דעם באַשעפער, איז מען זוכה אַז עס זאָל ווערן צוגעדעקט 'אונטער דעם טלית', אַ גרויסע שפע מיט אַלע טובות און ברכות.**

**נ.** דער זוהר הקדוש (ח"ג יח:) זאָגט אַז דער ענין פון תקיעת שופר, איז געגליכנט צו אַ רוצח וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין הויז פון זיין שונא און ער וויל איהם הרג'ענען ח"ו. צום מזל פונעם בעל הבית, איז איינע פון זיינע פריינט, אַ קלוגער מענטש, געשטאַנען ביים טויער פון הויז, און ער האָט איהם געשטערט ער זאָל נישט קענען דורכפירן זיין שוידערליכן פּלאַן.

אַזוי שרייבט אויך דער "ערבי נחל" (ראש השנה, דרוש ג') אַז תקיעת שופר אין ראש השנה האָט דעם זעלבן כח ווי די תקיעות וואָס די אידן האָבן געבלאָזן ווען זיי זענען געשטאַנען ביי די מויערן פון יריחו. פונקט אַזוי ווי אין יריחו זענען די מויערן געפאַלן בשעת אידן האָבן געבלאָזן שופר (ראה יהושע ו, כ), אַזוי ווערן בטל אַלע מויערן און מחיצות אין הימל, ווען אידן בלאָזן שופר ראש השנה. אַלעס ווערט איבערגעדרייט צום גוטן.

אַזוי שרייבט דער של"ה הקדוש (מסכת ראש השנה) אַז ווען מ'הערט בלאָזן תקיעה, זאָל מען בעטן בטל צו מאַכן די לייכטערע דינים, און ביי תרועה, זאָל מען בעטן אויף די שווערערע דינים רח"ל, ווייל דער שופר איז מבטל אויך די שווערסטע דינים, און אַלעס ווערט איבערגעדרייט צו רחמים[נא].

דער "שפת אמת" שרייבט (עי' שפ"א ר"ה תרמ"ח), און אַזוי אויך זאָגט מען נאָך פון הגאון רבי ישראל

---

דאָס זעלבע זאָגט דער אויבערשטער צו די אידן, די מקטריגים שטייען ביי די טיר און זיי ווילן זיך אַריינכאַפּן און מקטרג זיין אויף אידישע קינדער ח"ו, אָבער דער אויבערשטער כביכול שרייט און בעט אידישע קינדער, "אזדרזו בהאי יומא והבו לי חילא, ובמה, בשופר", **זייט זיך מזרז אין דעם טאָג פון ראש השנה, און געבט מיר** (כביכול) **אַ כח, מיט וואס גיט איר מיר אַ כח? - מיט'ן קול פון שופר!**

זאָגט אָבער דער זוהר הקדוש ווייטער, אַז כדי מ'זאָל טאַקע קענען מנצח זיין דעם שטן מיט די מצוה פון תקיעת שופר, און די דינים זאָלן זיך אָפּטון פון דער וועלט, דאַרף מען בלאָזן "בכוונה דלבא, בחכמתא, ברעותא, בשלימו", מיט די גאַנצע כוונה פון האַרץ, מיט חכמה, מיט רצון, און מיט שלימות. די תקיעות זענען גאַנץ, **נאָר דורך דעם וואס מ'האט אַ צובראָכן האַרץ און שפלות הרוח. אַזוי איז מען זוכה צוריקצוהאַלטן און פאַרשטאָפּן די מיילער פון די מקטריגים, אַז זיי זאָלן נישט קענען רעדן שלעכטס ח"ו אויף אידישע קינדער.**

**נא.** דער גאון און קדוש רבי אלעזר רוקח זצ"ל, בעל "מעשה רוקח", איז, כידוע, אַוועקגעפאָרן פון חוץ לארץ, און זיך באַזעצט אין ארץ ישראל. אויפ'ן וועג, האָט די שיף זיך גאָר שטאַרק געוואַקעלט צוליב די שווערע ים שטורעמס וועג, און עס האָט געהערשט אַ סכנה אַז די שיף זאָל איינזינקען ח"ו.

די מענטשן וואָס זענען געפאָרן אויף די שיף, האָבן דערקענט אויף דעם "מעשה רוקח" אַז ער איז אַ גרויסער מאַן, זענען זיי אריבער צו איהם און זיך געבעטן ביי איהם, ער זאָל אויס'פועל'ן אַ ישועה פאַר די שיף זי זאָל זיך נישט דערטרינקען ח"ו.

געווען איז עס ראש השנה ביינאַכט, האָט דער "מעשה רוקח" אַרויסגענומען דעם שופר, כדי ער זאָל קענען מקיים זיין די מצוה פון תקיעת שופר באַלד אינדערפרי, צום זמן פון עלות השחר. צום עלות השחר, האָט דער "מעשה רוקח" טאַקע געבלאָזן "תקיעה, שברים, תרועה", און אַזוי ווייטער, כמנהג ישראל תורה, און ביז אַ קורצע צייט האָט דער ים זיך באַרוהיגט און די שיף איז ווייטער געפאָרן על מי מנוחות, ביז זיי זענען אָנגעקומען אין ארץ ישראל.

די מעשה, האָט דער רבי ר' בונם פון פשיסחא זי"ע, דערציילט פאַר זיינע תלמידים, און ער האָט מוסיף געווען, אַז דער "מעשה רוקח" האָט נישט געמיינט צו בלאָזן מיט'ן שופר, אַלס אַ סגולה כדי איינצושטילן דעם שטורעם ווינט, נאָר זעהענדיג אַז "כלו כל הקיצין", און אין אַ קורצע צייט וועט די שיף איינזינקען אין ים ח"ו, און בדרך הטבע, וועלן אַלע מענטשן אויף דער שיף אַריינפאַלן אין ים און ווערן אַ געשמאַקע מאלצייט פאַר די גרויסע פיש, דערפאַר האָט ער געוואָלט כאָטש אַריינכאַפּן נאָך איין מצוה איידער ער דאַרף נסתלק ווערן פון דער וועלט...

ווען דער אויבערשטער האָט אָבער געזעהן די גרויסע ליבשאַפט פונעם צדיק פאַר אַ מצוה, אַז אפי' ווען ער געפינט זיך אין אַ סכנה פאַרגעסט ער פון זיין אייגענעם צער און דער עיקר איז אין זיינע אויגן, אַריינצוכאַפּן נאָך אַ מצוה, האָט דער אויבערשטער רחמנות געהאַט אויף איהם און אויף אַלע מענטשן פון די שיף, און זיי געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

מ'קען צוגעבן, אַז לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט דער "מעשה רוקח" געמעגט בלאָזן שופר שלא על הסדר, אָן זאָגן "מלכיות זכרונות שופרות"? נאָר זעהענדיג אַז ביז אַ מינוט קען די גאַנצע שיף דערטרינקען ווערן ח"ו און ער וועט אינגאַנצן נישט באַוויזן צו בלאָזן שופר, און אויב ער וועט זאָגן דעם גאַנצן סדר התפלה פון

סאלאנטער זצ"ל, אויף דעם וואס די גמרא זאגט (ר"ה כו.) אז מ'בלאזט נישט מיט א שופר של פרה, ווייל "אין קטיגור נעשה סניגור", און די אידן האבן דאך געדינט דעם עגל, דערפאר זאל מען נישט בלאזן מיט שופר פון א פרה. פרעגט די גמרא, "אין קטיגור נעשה סניגור" איז דאך נאר שייך לפני ולפנים (וואס צוליב דעם האט דער כהן גדול נישט געטארט אריינגיין מיט די בגדי זהב אין קדשי קדשים אין יום כיפור, אבער אין היכל האט ער געמעגט טוהן די עבודה בבגדי זהב), אויב אזוי, פארוואס טאר מען נישט בלאזן מיט א שופר של פרה, מען בלאזט דאך נישט לפני ולפנים? ענטפערט די גמרא: "שופר, כיון דלזכרון אתא, כלפנים דמי". דער שופר, וויבאלד עס קומט לזכרון, אונז צו דערמאנען צום גוטן פאר דעם באשעפער, איז עס גלייך ווי לפני ולפנים.

קומט אויס, אז ווען א איד בלאזט אדער הערט שופר אין ראש השנה, איז ער פונקט ווי דער כהן גדול לפני ולפנים אין יום כיפור. דער כהן גדול האט זיך דאך געמאכט א גוטן חשבון הנפש איידער ער איז אריינגעגאנגען אין קדשי קדשים. אזוי דארפן מיר מאכן א גוטן חשבון הנפש איידער מיר שטעלן זיך אוועק ראש השנה צו תקיעת שופר.

ווען מ'בלאזט שופר, פועל'ט תשובה אפילו אויף די הארבסטע עבירות רח"ל, ווי עס שרייבט דער "צמח צדק" (ליקוטים, אות י), ביי שופר זאגט דער פסוק (תהלים פא, ד) "תקעו בחודש שופר", און ביי יעקב אבינו ע"ה זאגט דער פסוק (בראשית לב, כו) "ותקע כף ירך יעקב". "תקעו" האט די זעלבע אותיות ווי "ותקע". דאס לערנט אונז, אז ווען מ'בלאזט שופר, קען מען מתקן זיין אויך די הארבסטע עבירות, ווי אביזרייהו דגילוי עריות רח"ל.

דער רש"ש (הובא בפלא יועץ, ערך ר"ה) לייגט צו דערצו, אז אפילו איינער וואס האט געמאכט א סאך מענטשן זינדיגן, קען אויך האבן א כפרה אויב ער טוט תשובה ווי געהעריג ביי תקיעת שופר.

עדנליך פלעגן די בעלזא רבי'ס זי"ע, נאכזאגן אין נאמען פון די מקובלים, אז ביי תקיעת שופר קען דער מענטש זוכה זיין צו א כפרה, אפילו אויף די הארבעע עבירה פון חילול השם, און כאטש די גמרא זאגט (יומא פו.) אז תשובה העלפט נישט מכפר צו זיין אויפ'ן חטא פון חילול השם, און אויך נישט יום כיפור, און אויך נישט יסורים, נאר מיתה איז ממרק די עבירה פון חילול השם, פונדעסטוועגן, וויבאלד תקיעת שופר איז אין א בחינה פון מסירות נפש, ווי די גמרא זאגט (ר"ה יז.) אז דער אויבערשטער האט געזאגט, אידן זאלן בלאזן פאר מיר שופר אין ראש השנה, וועל איך געדענקען פאר אייך די עקידה פון יצחק, און איך וועל עס רעכענען ווי איר וואלט אליין געקומען אויף די עקידה פאר דעם אויבערשטען, קומט אויס אז תקיעת שופר איז א בחינה פון מסירות נפש, און עס ווערט גערעכנט ווי דער מענטש איז געגאנגען אויף מסירות נפש בפועל, דערפאר קען תקיעת שופר אויך מכפר זיין אויף די עבירה פון חילול השם, און "שערי תשובה לא ננעלו".

ווען דער מענטש אנערקענט דעם גרויסן זכות וואס ער האט אז ער קען שטיין און דאווענען פאר דעם אויבערשטען, ברענגט עס אריין אין אידם גרויס פרייד און התרוממות הנפש.

**בראש השנה נפקדו - יעדע טבע און מזל, ווערט היינט געטוישט צום גוטן**

די גמרא זאגט (ר"ה י:) 'בראש השנה נפקדה שרה רחל והנה'. אין ראש השנה זענען אונזערע אמהות שרה און רחל, און אויך חנה, געדענקט געווארן פאר'ן באשעפער, און זענען געהאלפן געווארן מיט קינדער.

שרייבט אויף דעם דער מהרש"א (ר"ה יא. ד"ה 'אתיא'), אז צוליב דעם ווערט ראש השנה אנגערופן 'יום הזכרון', ווייל אין דעם טאג קומט ארויף דער זכרון פון אלע מעשים צום גוטן אדער פארקערט ח"ו, און די פרויען וואס זענען געווען עקרות מצד זייער טבע

---

ראש השנה, וועט ער נישט באוויזן צו בלאזן שופר, האט ער ענדערש געוואלט מקיים זיין די מצוה פון תקיעת שופר מן התורה (אן דעם סדר התפלה), און אזוי זאגט די גמרא (ר"ה לד:) אז צוויי שטעט, וואס אין איינע פון זיי בלאזט מען און אין די צווייטע שטאט זאגט מען די ברכות (און תפלה), **זאל מען ענדערש גיין צו די שטאט וואו מ'בלאזט שופר, און נישט צו די שטאט וואו מען זאגט דעם סדר התפלה, מלכיות זכרונות שופרות.**

און מזל, איז זייער זכרון אַרויפגעגאַנגען צום גוטן אין ראש השנה, צו טוישן זייער טבע[נב].

די ווערטער פונעם מהרש"א זענען אַזוי ווי אַ 'מועט המחזיק את המרובה', ווייל אין די פּאָר געציילטע ווערטער, שרייבט אַרויס דער מהרש"א 'תוקף קדושת היום' - די גרויסקייט פונעם טאָג, אַז מ'קען אין ראש השנה איבערדרייען אַלע טבעיות'ן און מזלות, און עס בייטן צום גוטן, 'מן הקצה אל הקצה'[נג].

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער 'שם משמואל' (ר"ה תרע"ד, ד"ה 'נראה'), די גרעסטע ענדערונג אין די בריאה, וואָס ס'איז נאָך אַזוינס נישט פאָרגעקומען אויף דער וועלט, איז איבערצודרייען אַ זכר צו אַ נקיבה, און אַזאַ שינוי האָט פּאַסירט אין ראש השנה.

**דער** 'שם משמואל' לערנט עס פון די ווערטער פונעם פייטן (שחרית ליום א' דר"ה), 'זכר לו יושר ארחות, עובר להמיר בבטן אחות, חושבה כהיום זכרה להאחות' - אין ראש השנה, איז איבערגעדרייט געוואָרן דער זכר וואָס איז געווען אין לאה אמינו, און עס איז געבוירן געוואָרן איר טאָכטער דינה. זעהט מען פון דעם, אַז דער טאָג פון ראש השנה איז באַשטימט פאַר איבערקערענישן[נד].

**דער** טעם דערפון איז, ווייל אין ראש השנה ווערט די וועלט פונדאָסניי באַשאַפן, אָן קיין שום שייכות צו דעם וואָס ס'איז געווען פריער. אפילו אויב אין דער 'פריערדיגער וועלט' איז זיין מזל נישט געווען גוט הייבט זיך יעצט אָן אַלעס פונדאָסניי. דער מענטש ווערט ווי אַ ניי-געבוירן קינד.

**אַזוי** האָט געזאָגט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע ('אמרי פנחס' השלם, אות תפא), אַז דער טאָג איז אַזוי ווי מ'נעמט אַ שטיק זאַלץ וואָס ווערט אָנגערופן 'טאלפין', און מ'קאָכט עס אין אַ טאָפּ צו מאַכן אַ נייעם 'טאלפין'. דער גאַנצער זאַלץ ווערט דאָרט איינגעשלינגען און איבערגעדרייט פון אויבן אַראָפּ, און פון אונטן אַרויף, ביז ס'איז ממש אוממעגליך צו דערקענען וועלכעס איז געווען דאָס אויבערשטע, און וועלכעס איז געווען דאָס אונטערשטע. אַזאַ סאָרט איבערקערעניש קומט פאָר אין ראש השנה, אַז אַלעס ווערט איבערגעדרייט באַשאַפן צו ווערן פונדאָסניי.

**אויך** זאָגט די גמרא, אַז ראש השנה איז יוסף הצדיק באַפרייט פון תפיסה[נה]. אין ראש השנה איז בטל געוואָרן די שווערע אַרבעט פון אונזערע עלטערן אין מצרים. זעהט מען דאָך קלאָר, אַז ס'איז נישט דאָ אַ

---

**נב.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האָט געזאָגט אַז מיר לייענען ראש השנה 'וה' פקד את שרה' (פרשת וירא), ווייל דער דאָזיגער געבורט איז געווען קעגן און העכער פון דרך הטבע, ווייל לויט'ן סדר העולם איז נישט שייך געווען אַז שרה אמינו ע"ה זאָל האָבן קינדער (יבמות סד:). דאָס לערנט אונז, אַז **ראש השנה איז אַ צייט פון איבערקערענישן צום גוטן, לטובה ולברכה, למעלה און כנגד הטבע, און אויך אויב ביז יעצט האָט דער מענטש געהאַט צרות איבער'ן קאָפּ ח"ו, פאַנגט זיך אָן פון יעצט אַ 'ניי בלעטל', און אַלעס וועט איבערגעדרייט ווערן צום גוטן.** (זעה 'חפץ חיים' עה"ת, 'החפץ חיים, חייו ופעלו, ע' תתשיח)

**נג.** ענליך זאָגט דער 'שם משמואל' (ר"ה תרע"ד, ד"ה 'מנהגנו') אַ טעם פאַרוואָס מ'טינקט איין די מאכלים אין האָניג אין די יעצטיגע טעג, ווייל האָניג איז אַ טהור'ע זאַך וואָס קומט אַרויס פון אַ טמא'נע זאַך (די בין וואָס גיט אַרויס דעם האָניג, איז טמא). קומט אויס, אַז דער טמא און איסור ווערט איבערגעדרייט צו אַ 'היתר גמור' (אויך טוט די בין 'רודפ'ן' דעם מענטש און בייסט איהם, און האָניג איז די זיסטע זאַך), און נישט נאָר דאָס, נאָר יעדע טמא'נע זאַך וואָס פאַלט אַריין אין האָניג, ווערט עס מותר צו עסן, ווייל עס ווערט איבערגעדרייט צו זיין אַזוי ווי האָניג (שו"ע יו"ד סי' פ"א, ס"ח). פון דעם לערנען מיר, **אַז אַזוי זענען מיר בכוח איבערצודרייען אונזער גאַנצן מצב ברוחניות ובגשמיות אין דעם טאָג, און איבערצודרייען די דינים זיי זאָלן ווערן אָפּענע רחמים.**

**נד.** דער 'שם משמואל' פירט אויס, **אַז דער מענטש וואָס האָט אַ וואַרים האַרץ, קען זיך אַראָפּלערנען פון דעם אַ מוסר השכל, אַז ס'איז נישט דאָ אַ זמן וואָס איז מער מוכשר איבערצודרייען פון שלעכט צו גוט מער ווי ראש השנה, ווייל אויב עס פּאַסירט אַזוי ביי ענינים וואָס זענען נוגע דעם גוף, איז דאָך אַ קל וחומר אַז ביי די ענינים פון די נשמה, איז דער מענטש בכוח צו מאַכן ריזיגע איבערקערענישן, עס זאָל איהם שטענדיג גוט זיין.**

**נה.** הרה"ק בעל 'אמרי אמת' מ'גער זי"ע, האָט אַמאָל פאַר ראש השנה געזאָגט צו עטליכע יונגעלייט וואָס האָבן אַריינגעלייגט אַסאַך געלט אין אַ געוויסן 'געשעפט' און האָבן פאַרלוירן זייער גאַנצן פאַרמעגן, בלייבענדיג ממש

ישועה וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט, מיט'ן יחיד אָדער מיט אַ רבים, וואָס איז נישט פאַרשריבן געוואָרן אין דעם 'ספר' אין דעם טאָג, ווי דער גאון רבי יוסף שאול נאטאנזאהן זצ"ל, בעל 'שואל ומשיב', שרייבט אין אַ תשובה: די אמהות זענען געהאָלפן געוואָרן אין דעם טאָג, און אַלע טובות און השפעות פון קדושה, ווערן נשפע אין דעם טאָג פון ראש השנה, ווייל 'זה היום תחילת מעשיך' - די גאַנצע בריאה ווערט באַנייט אַזוי ווי ביי בריאת העולם.

**דאָס** איז אויך געזאָגט געוואָרן פאַר יעדן איינעם פון אונז, 'זה היום תחילת מעשיך'. מ'קען זיך אויפשטעלן און זיך באַנייען אין דעם טאָג, סיי ברוחניות - אין תורה און עבודת השם, און סיי בגשמיות - ביי אַלע ענינים פון לעבן, פרנסה וכלכלה, רפואות און ישועות, און אַלע אַנדערע השפעות, קען יעדער מענטש פועל'ן פאַר זיך אַ גוט זיס יאָר, בבני[נו] חיי ומזוני[נז], און אַרויסגיין פון דער 'תפיסה' - יעדער איינער אויף זיין אופן, איש איש כפי מחסורו[נח]. עס ווענדעט זיך

---

בעירום ובחוסר כל, אַז ראש השנה איז יוסף אַרויסגעגאַנגען פון טורמע, און עס האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן די זיבן זאַטע יאָר. זעהען מיר דאָך פון דעם **ווי גרויס ס'איז דער כח פון ראש השנה, איבערצודרייען דעם מצב פון אַ מענטש ממש 'מן הקצה אל הקצה'. 'איר זאָלט זיך שטאַרקן מתפלל צו זיין, און דער אויבערשטער וועט אויפהייבן אייער מזל העכער און העכער'.**

**נו. רש"י זאָגט** (יבמות סד: ד"ה 'שלש פקידות'), **אַז דער אויבערשטער איז פוקד די עקרות צו הערן זייער תפילה אין ראש השנה, און ער איז גוזר זיי זאָלן געהאָלפן ווערן מיט קינדער.**

דער ראָפּשיצער רב זי"ע שרייבט (זרע קודש', ר"ה, ד"ה 'וה' פקד'), אַז **אין ראש השנה, וואָס דעמאָלס איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, איז אַ צייט פון פקידת עקרות.**

אַזוי שרייבט אויך דער 'אמרי נועם' (ר"ה, ד"ה 'בנוסח'), אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן ('ונתנה תוקף') 'מי לא נפקד כהיום הזה', אַז די ראשי תיבות פון נ'פקד כ'היום ה'זה איז הנ"ך, וואָס איז דער שם וואָס איז ממונה אויף הריון, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (בראשית טז, יא) 'הנך הרה', כידוע.

אויף אַן אַנדער אָרט, שרייבט דער 'אמרי נועם' (אות יב) אַ רמז, אַז די ווערטער 'וידגו לרב (אָן דעם אות ו') בקרב הארץ', באַטרעפן די צאָל 861, אַזוי ווי 'ראש השנה'.

אין ספה"ק 'תפארת שלמה' (ליוה"כ, ד"ה 'רב איקלע') טייטשט ער די ווערטער וואָס מיר זאָגן 'כמה יעברון וכמה יבראון'. **'כמה יעברון'** - וויפיל זאָלן נתעבר ווערן אין ראש השנה. **'וכמה יבראון'** - וויפיל זאָלן ווערן געזונט און אויסגעהיילט פון זייער קראַנקהייט.

אַ יונגערמאַן וואָס האָט געוואַרט אַ לאַנגע צייט אויף קינדער, האָט זיך מזכיר געווען ביים גערער רבי'ן, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע. האָט דער 'פני מנחם' איהם געזאָגט ער זאָל אין זינען האָבן ביים זאָגן די ווערטער 'כמה יעברון' געהאָלפן צו ווערן, און ער האָט צוגעגעבן, **אַז עס איז אַ סגולה 'בדוק ומנוסה'.**

אַזוי שרייבט אויך דער הייליגער אַפּטער רב זי"ע, אין 'אוהב ישראל' (ליקוטים חדשים, ימים נוראים), **אַז מיר לייענען אין דעם ערשטן טאָג ראש השנה די פרשה פון 'וה' פקד את שרה', ווייל מיט דעם קענען מיר ממשיך זיין פקידת עקרות** (און אַזוי שרייבט דער 'אוהב ישראל' אויך אין פרשת ויצא, לגבי דעם גאַנצן יאָר).

**נז.** הרה"ק רבי לייבעלע איגר זי"ע שרייבט ('תורת אמת', יום שני דר"ה תרל"ט), **אַז אין דעם טאָג פון ראש השנה ווערן אַוודאי נתעורר אַלע סאָרטן שפע משפיע צו זיין חיי, בני, און מזוני, אַזוי ווי ס'איז נשפע געוואָרן אין דעם טאָג ביים אָנהייב פון די בריאה.**

**'חיים'** - ווייל עס שטייט ביי דעם טאָג (בראישת ב, ז) 'ויפח באפיו נשמת חיים ויהי האדם לנפש חיה'.

**'בני'** - עס ווערט אויך נשפע דער כח המוליד, ווייל דער אויבערשטער האָט געזאָגט (שם א, כח) 'פרו ורבו', אַזוי ווי ס'איז פאַקטיש פאַרגעקומען.

**'מזוני'** - דער אויבערשטער האָט געזאָגט (שם פסוק יא) 'תדשא הארץ דשא'.

**נח.** הרה"ק רבי מאיר שלום פון קאָלושין זי"ע האָט געטייטשט די ווערטער וואָס מיר זאָגן 'מי לא נפקד כהיום הזה', **'נפקד'** איז פון לשון וה' **'פקד'** את שרה. **עס איז נישט דאָ אַ מענטש וואָס ווערט נישט געהאָלפן און דערמאַנט צו אַלע סאָרטן ישועות אין דעם טאָג פון ראש השנה.**

נאָר אין אונז, 'ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה'[נט]. ממילא, טאָר מען נישט פאַרלירן[ס] אַפילו איין רגע אין דעם הייליגן טאָג[סא], ווען אַלע טויערן זענען ברייט אָפען[סב].

---

אַזוי שרייבט אויך הרה"ק רבי משה'לע קאָזשניצער זי"ע ('דעת משה', לאלול, ד"ה 'איתא בילקוט') אַז ער געדענקט פון זיינע יונגע יאָרן, אַז ער פלעגט זיך אייביג וואונדערן אויף זיין טאַטן דעם הייליגן קאָזשניצער מגיד זי"ע, אַז **ער איז געווען 'זייער פרייליך' אין ראש השנה.** לכאורה, אין דעם טאָג פון דין, 'לשמחה מה זו עושה', וואָס האָט ער געהאַט צו זיין אַזוי פרייליך. אָבער לויט ווי מיר האָבן געזאָגט, וויבאַלד עס איז דער אָנהייב פונעם יאָר, **קומט אַראָפּ קדושה און טהרה און 'אַלעס גוטס' פאַר אַלע טעג פונעם קומענדיגן יאָר הבעל"ט.**

**נט.** על דרך משל, עס זענען דאָ צוויי סאָרטן 'דרייווערס'. איינער פירט אַ 'קאַר', און דער צווייטער פירט אַן עראָפּלאַן. די זעלבע פּעולה פון דרוקן אויפ'ן פוס אָדער מיט דער האַנט אויפ'ן קנעפּל, פירט דעם אויטאָ עטליכע מעטער, און אַזוי ווייטער, אָבער דער עראָפּלאַן פליהט מיט איין 'קוועטש' אויפ'ן קנעפּל, אַ סאַך קילאָמעטער. דער חילוק איז, ווייל די קאַר פאָרט אויף דער ערד, איז זי באַגרעניצט, סיי צוליב די געדרייטע וועגן, און סיי צוליב דעם כח המשיכה פונעם כדור הארץ, וואָס באַגרעניצט די שנעלקייט פון די רייזע. דאַקעגן אויבן, אין דער לופט, איז אַלעס 'אָפען'... אָן שטערונגען.

דער נמשל איז, אין די יעצטיגע טעג, ווען דער דין איז נאָך נישט באַשטימט געוואָרן פאַר'ן קומענדיגן יאָר הבא עלינו לטובה, איז דאָך נאָך 'אַלעס אָפען'... און **איין גוטע באַוועגונג איז בכוח אויפצוטוהן גרויסע זאַכן...**

מיר גלייבן דאָך אין אַלע ווערטער פון די הייליגע חז"ל, אָבער אויב דער מענטש וועט זאָגן, אַז דאָס אַלעס איז געזאָגט געוואָרן נאָר פאַר גרויסע לייט, און נישט פאַר מענטשן 'פחותי ערך' אַזוי ווי מיר זענען, איז כדאי צו ברענגען דאָ די עדות'שאַפט פון אַ חשוב'ן תלמיד חכם פון ירושלים, וואָס פאַרשטייט אין 'חכמת היד', און ער לייענט די הענט פון מענטשן וואָס ווענדן זיך צו איהם (און בעטן איהם ער זאָל זיי אויסזאָגן וואָס עס איז 'פאַרצייכנט' אויף די שטריכן פון זייערע הענט), און ער זאָגט זיי וואָס עס איז זייער מצב אין דער פאַרגאַנגענהייט און אינעם עתיד, אָבער אין די טעג צווישן ראש השנה און הושענא רבה, נעמט ער נישט אויף קיין מענטשן, זאָגנדיג, אַז עס האָט נישט קיין זינען צו קוקן אויף די צייכנס פון די הענט אין די יעצטיגע זמנים, ווייל זיי טוישן זיך יעדן טאָג ממש, און די דאָזיגע ענדערונגען זענען באַקאַנט פאַר אַלע 'מבינים' וואָס פאַרשטייען צו דער חכמה פון 'שירטוט' פון די הענט.

האָט דער תלמיד חכם געזאָגט, אַז אויב אַ מענטש זאָל אַריינלייגן זיין האַנט יעדן טאָג פון די הייליגע טעג אין אַ 'קאָפּי' מאַשין און ער וועט אַראָפּכאַפּן אַ בילד פון די צייכענס אין זיינע הענט, קען ער איהם ווייזן ווי עס זענען דאָ גרויסע ענדערונגען פון טאָג צו טאָג, ווייל אַלעס וואָס פאַסירט מיט איהם אַלע טעג פון יאָר, ווערט באַשטימט אין די יעצטיגע טעג, און ער איז בכח צו בטל צו מאַכן אַלע גזירות קשות ואכזריות...

**ס.** אַ מורא'דיג וואָרט האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז כאָטש מיר האָבן נישט די מינדעסטע השגה אין דער גרויסקייט פון אונזערע הייליגע אבות און אמהות, אָבער פון די ווערטער פון דער גמרא אַז שרה און רחל זענען געדענקט געוואָרן צום גוטן אין ראש השנה, זעהט מען אַז **אויך זיי האָבן נישט געקענט פועל'ן פאַר זיך אַ ישועה געהאָלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא, נאָר אין ראש השנה,** צוליב די גרויסע סגולה פונעם טאָג.

קען מען פון דעם לערנען, אַ 'קל וחומר, בן בנו של קל וחומר', טויזנט מאָל מער פאַר אונז, ווי ווייט מיר דאַרפן זיך משתדל זיין מיט אַלע כוחות אויסצונוצן דעם גרויסן טאָג ראש השנה, 'כי ממנו תוצאות חיים'.

**סא.** דער באַקאַנטער סלאָנימער חסיד הגה"ח רבי ישראל שמעון קאַסטעלאַניץ ז"ל האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון סלאָנימער רבי'ן הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, אַז ער פלעגט שרייען אין די הייליגע טעג, **'מ'זאָל זיך נישט דרייען ווי אַ נאַר אויפ'ן מאַרק'.** דאָס הייסט, מ'זאָל נישט אַרומגיין אין די הייליגע טעג ווי אַ שוטה וואָס קומט אויפ'ן מאַרק וואו מ'פאַרקויפט סחורה, און וואו מ'קען פאַרדינען אַסאַך געלט, אָבער ער דרייט זיך דאָרט אַרום און האַנדלט גאָרנישט איין...

דער הייליגער ראָפּשיצער רב זי"ע פלעגט מעורר זיין מיט אַ מעשה, אַמאָל אינמיטן די העפטיגע שלאַכטן בעת אַ מלחמה, האָט עמיצער געשאָסן מיט אַ פייל ציל'נדיג אויפ'ן צאַר ניקאָלאַי ימ"ש. ווען איינע פון די סאָלדאַטן האָט עס באַמערקט, האָט ער זיך צעשריגן הויך אויפ'ן קול. דאָס פערד אויף וועלכן דער צאַר האָט געריטן, האָט

הרה"ק בעל 'בית אברהם' מ'סלאָנים זי"ע, זאָגט (מאמרים לר"ה, ד"ה 'כל'), אויפ'ן לשון פון חז"ל (שבת יא.) 'כל מיחוש ולא מיחוש ראש'. פונקט ווי אַ ווייטאָג אינעם קאָפּ ח"ו איז אַנדערש ווי אַ ווייטאָג אין אַן אַנדערן אבר פונעם קערפּער, ווייל אויב אַ מענטש באַקומט אַ שטאַרקן קלאַפּ אויף איינעם פון זיינע רמ"ח איברים, איז אפילו אויב עס טוט איהם זייער וויי, געפינט ער זיך געווענליך נישט אין אַ סכנה ח"ו פון אַזאַ קלאַפּ. אָבער אַ קלאַפּ אין קאָפּ ל"ע איז עלול גורם צו זיין פאַר דעם מענטש אַ ריזיגן שאָדן אויפ'ן גאַנצן לעבן ח"ו, ווייל אַלעס ווענדעט זיך אינעם קאָפּ.

**דאָס** זעלבע איז מיט דעם 'קאָפּ' פונעם יאָר - ראש השנה. אפי' אויב אַלע טעג פון יאָר זענען אַריבער אויפ'ן מענטש מיט פאַרשידענע 'מיחושים' חלילה, דאַרף מען זעהן אָפּצוהיטן ראש השנה ווי אַן אויג אין קאָפּ, אַז אַפילו איין סעקונדע זאָל נישט אַריבערגיין ליידיג.

---

זיך שטאַרק דערשראָקן פון די קולות און ער איז אַרויפגעשפּרינגען הויך, און אַזוי איז דער פייל אַריין אינעם קערפּער פונעם פערד און איהם גע'הרג'עט, און דער צאַר איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

ווען די מלחמה האָט זיך אָפּגעשטילט, האָט דער צאַר געשיקט רופן יענעם סאָלדאַט, און ער האָט איהם געזאָגט אַז ער וויל אויסדריקן פאַר איהם זיין דאַנקבאַרקייט פאַר דעם וואָס ער האָט געראַטעוועט זיין לעבן, ממילא, קען ער פאַרלאַנגען וואָס ער וויל, און מ'וועט איהם אַלעס נאָכגעבן. האָט דער סאָלדאַט געענטפערט, אַז היות דער אָפיציר וואָס איז זיין ממונה אין דער אַרמיי, דערגייט איהם די יאָרן און פייניגט איהם, בעט ער מ'זאָל באַשטימען אַן אַנדערן אָפיציר איבער איהם... האָט דער קעניג געזאָגט, גוט, איך וועל ערפילן דיין בקשה... אָבער **שוטה איינער, פאַרוואָס האָסטו נישט געבעטן צו ווערן אַליין אַן אָפיציר, אָדער אַפילו אַ קאָמאַדיר... איך וואָלט דאָך נאָכגעבן יעדן פאַרלאַנג וואָס דו וואָלט געהאַט צו מיר.**

און דער ראָפּשיצער רב זי"ע האָט אויסגעפירט די 'מעשה': דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן דעם כח מתפלל צו זיין צו איהם, און דורך דעם קען מען פּועלות גרויסע זאַכן, לטוב לנו כל הימים, עס זאָל אונז זיין גוט דאָס גאַנצע קומענדיגע יאָר הבא עלינו לטובה. **לאָמיר נאָר נישט זיין אַזוי ווי יענער נאַרישער סאָלדאַט, און נישט אַריינלייגן אַלע כוחות התפילה אין נאַרישקייטן, נאָר יעדער בר דעת זאָל זיך אַליין ערלעדיגן ביים דאַווענען אַ 'שנה טובה ומתוקה', אין אַלע ענינים...**

**סב.** אין אַ קהילה וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין אַ נייער שטאָט אין ארץ ישראל, האָט מען באַשטעלט אויף דערווייל אַ שיינעם 'קאַראַוואַן' פאַר אַ צייטווייליגע שול, ביז מ'וועט ענדיגן בויען דעם גרויסן שול. אין דעם באַשטימטן טאָג, איז געקומען אַ גרויסער 'טראָק', וואָס האָט געברענגט דעם קאַראַוואַן. די אַרבעטער האָבן צוגעבונדן דעם קאַראַוואַן צום 'קרעין' מיט דיקע שטריק, און אָנגעהויבן פירן דעם קאַראַוואַן אין דער לופט, כדי עס זאָל 'לאַנדן' אויפ'ן ריכטיגן אָרט. זיי האָבן כסדר אויסגערופן 'רעכטס', 'לינקס', ביז ער האָט 'געלאַנדעט' אויף זיין ריכטיגן פּלאַץ. זיי האָבן אויפגעבונדן די שטריק און אַריינגעגאָסן אַביסל בעטאָן ('סעמענט') כדי צו באַהעפטן דעם קאַראַוואַן אויף זיין אָרט, אַז עס זאָל זיך נישט אַוועקרירן פון פּלאַץ.

ווען דער רב פון דער שול איז געקומען זעהן אויב אַלעס איז אין אָרדענונג, האָט ער צו זיין שרעק באַמערקט אַז די אַרבעטער האָבן בטעות אַוועקגעשטעלט דעם קאַראַוואַן פאַרקערט. די 'מזרח' וואַנט איז געווען אויף מערב... אַ בחינה פון 'עליונים למטה ותחתונים למעלה'... און אַזוי איז דער 'ארון קודש' געשטאַנען אויף דער פאַרקערטער זייט. האָט איינער פון די אַרבעטער זיך אָנגערופן: 'מה כל הרעש'... איך וועל ווייטער שרייען 'רעכטס', 'לינקס', ביז דער קאַראַוואַן וועט זיך אוועקשטעלן אויף דעם ריכטיגן אָרט... האָט מען איהם געזאגט, טיפּש איינער, אַזוי לאַנג ווי דער קאַראַוואַן איז געווען אין דער לופט, האָט מען נאָך געקענט שרייען 'רעכטס' און 'לינקס', און עס לייכט אַוועקשטעלן אויפ'ן אָרט. יעצט, אַז ער ליגט שוין אויף דער ערד, און איז אַפילו שוין באַהאָפטן מיט'ן בעטאָן, וועלן שוין נישט העלפן קיין געשרייען, און אויך נישט אַ דרוק אויף די קנעפּלעך למיניהם...

לדידן ייאמר, **אין די יעצטיגע טעג, איז נאָך נישט 'באַשטימט' געוואָרן דער גזר דין פאַר קומענדיגן יאָר הבעל"ט, נאָר עס 'הענגט' נאָך אין דער 'לופט', און מיר קענען עס 'רירן' און טוישן לויט'ן באַדאַרף.** לאָמיר נישט וואַרטן ביז נאָך די כתיבה און חתימה, כדי מ'זאָל נישט דאַרפן שוויצן אַסאַך מיט תפילה און תחנונים, בטל צו מאַכן דעם פאַרזיגלטן גזר דין...

אַזוי זאָגן די ספרים אַ רמז אין פּסוק (קהלת ב, יד) 'החכם עיניו בראשו'. דער קלוגער מענטש זעהט אַז אַלעס ווענדעט זיך אינעם 'קאָפּ'[סג], און ער פאַרשטייט די טייערע ווערד פון יעדע רגע אין דעם טאָג פון ראש השנה[סד], אַז עס איז משפּיע אויפ'ן מענטשן פאַר'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר הבעל"ט[סה].

---

**סג.** ראש השנה האָט 48 שעה, אַזוי ווי די צאָל פון וואָרט 'מח'. דאָס איז אַ רמז, אַז ראש השנה איז דער 'מח' פון גאַנצן יאָר. אַלעס ווענדעט זיך אין ראש השנה, און אך און וויי אויב דער מענטש האָט אַ 'לאָך' אין 'קאָפּ' אַפילו אַזוי גרויס ווי אַ האָרל...

**סד.** עס איז באַקאַנט ('ספר השיחות' פון הרה"ק ריי"ץ מליובאַוויטש זי"ע, תחילת תש"ב), **אַז דער הייליגער בעל התניא זי"ע** פלעגט **זאָגן אַסאַך תהלים אַ גאַנצן טאָג ראש השנה**, ביז נאָך תפילת מערב די צווייטע נאַכט פון ראש השנה, און ער האָט אַפילו נישט געזאָגט אַ 'מאמר' חסידות. ער האָט זיך ממש נישט אַוועקגערירט פונעם 'תהלים' און פונעם מחזור [כאָטש מ'ווייסט דאָך ווי חשוב ס'איז געווען ביי איהם דער ענין פון זאָגן 'מאמרים' אין חסידות]. ער האָט געזאָגט תהלים ממש פון נאָך מנחה ערב ראש השנה, ביז נאָך מעריב די צווייטע נאַכט ראש השנה (דער רבי ריי"ץ ברענגט דאָרט, אַז אַזוי האָט זיך אויך געפירט דער הייליגער מעזריטשער מגיד זי"ע).

דער בעל התניא זי"ע האָט אויך אָנגעזאָגט זיינע תלמידים אין ראש השנה אויף צוויי זאַכן, אַז זיי זאָלן **שלאָפן וויניגער** [דאָס הייסט, צוריקהאַלטן זיך פון שלאָפן מער ווי דער גוף פאַרלאַנגט, ווייל דער וואָס שלאָפט וויניגער ווי דער גוף דאַרף האָבן, קען זיין מיד און צעטומלט, און עס וועט זיין 'יצא שכרו בהפסדו'], און אויך זאָלן זיי **זיך צוריקהאַלטן פון רעדן אַ שיחה בטילה. די דאָזיגע צוויי הנהגות זענען מעגליך פאַר יעדן איינעם איינצוהאַלטן, און ס'איז טאַקע כדאי זיך צו האַלטן דערצו.**

אַזוי האָט זיך אויך געפירט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק. ער פלעגט אויפשטיין ראש השנה זייער פרי, און ביים עלות השחר איז ער שוין געשטאַנען אין בית המדרש און אָנגעהויבן דאַווענען פּסוקי דזמרה מיט גרויס דביקות. ער איז געווען דער שליח ציבור ביי אַלע תפילות פון אָנהייב ביז'ן סוף. אויך האָט ער געבלאָזן די תקיעות, און תפילת מוסף האָט ער געענדיגט אַ שעה נאָך חצות היום. דאַן האָט ער געגעסן די סעודה כמצוות היום, אָבער די גאַנצע סעודה האָט געדויערט נישט מער ווי אַ האַלבע שעה. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען אין שול אַריין און **געזאָגט תהלים בציבור מיט גרויס השתפכות הנפש ביז סוף טאָג** (געברענגט אין ספר 'אהל הלימלך', אות שמב).

די פוסקים שרייבן ('משנה ברורה', סי' תקפ"א סק"ג) **אַז ס'איז ראוי צו ענדיגן דריי מאָל ספר תהלים פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור**, און מיר האָבן נישט אַ שטאַרקערן וואָפן ווי די פּסוקים וואָס דוד המלך ע"ה האָט מחבר געווען פאַר אַלע דורות, זיך אויסצוגיסן דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער און מעורר זיין רחמים וחסדים אויף דער וועלט.

מיר האָבן אויך געהערט וועגן **אַ וואונדערליכע סגולה צו ענדיגן צוויי מאָל גאַנץ ספר תהלים די ערשטע נאַכט ראש השנה, און עס איז זייער מסוגל פאַר גרויסע ישועות** [עס ווערט געברענגט אַ רמז דערצו, אין פּסוק (תהלים פא, ח) 'אענך בסתר רעם'. בסת"ר איז ראשי תיבות **ב'** **ס'**פרי **ת'**הילים **ר'**אש השנה].

אַ מקור דערצו ווערט געברענגט אין ספר 'בינת יששכר' (וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין פראַג 250 יאָר צוריק), **אַז ער האָט** געזעהן אין אַ ספר אַז **ס'איז גוט אויסצוזאָגן ראש השנה ביינאַכט צוויי מאָל תהלים פון אָנהייב ביז'ן סוף**, ווייל עס זענען דאָ 150 קאַפּיטלעך אין תהלים, און צוויי מאָל 150 איז 300, בגימטריא 'כפר', און עס איז 'מענינא דיומא', וואָס מ'דאַרף האָבן אַ כפּרה, עכ"ל.

אַוודאי איז פאַר אַסאַך מענטשן שווער צו טוהן דאָזיגע סגולה, ספּעציעל אַז מאָרגן, ראש השנה, דאַרף מען שטיין לאַנגע שעה'ן און דאַווענען מיט אַ קלאָרן קאָפּ, אָבער די סגולה ווערט געברענגט כדי מיר זאָלן וויסן די חשיבות און דעם כוח פון די סגולה, און דער עיקר איז אויסצונוצן די צייט ווי ס'דאַרף צו זיין, און נישט גיין ליידיג אַפילו איין סעקונדע אין דעם הייליגן טאָג, און מ'זאָל אויסזאָגן כאָטש איינמאָל תהלים, אָדער אַ חלק דערפון, יעדער איינער לויט זיין מעגליכקייט, אָדער מ'זאָל עס איינטיילן צווישן די בני בית, א.א.וו.

יאָר-יערליך, זאָגן עדות באַגלייבטע עדים וועגן 'אותות ומופתים' צו וועלכע זיי האָבן זוכה געווען אין דעם זכות פון זאָגן תהלים צוויי מאָל ראש השנה ביינאַכט. דאָס מזל האָט זיך איבערגעדרייט ביי זיי, אויך ביי זאַכן וואָס

האָבן שוין אויסגעזעהן ווי ס'איז חלילה נישט דאָ קיין שום שאַנס אויף דער וועלט אַז זיי זאָלן איבערגעדרייט ווערן צום גוטן, מיט בני, חיי, און מזוני, מיט גוטע שידוכים, יעדער איינער אויף זיין אופן, וואָס עס האָט איהם געפעלט.

צום ביישפּיל, מיר וויסן פון אַ משפּחה וואָס פיר קינדער האָבן זיך דאָרט געפּלאָגט מיט אַ שידוך - יעדער איינער פון זיי מיט זיין אייגענע 'מעשה', איינע 'שווערער' פון דער אַנדערער. אַלזאָ, אינמיטן די סעודה ראש השנה ביינאַכט האָבן זיי גערעדט וועגן די דאָזיגע סגולה, און זיי האָבן באַשלאָסן **איינצוטיילן צווישן זיך אויסצוזאָגן תהלים צוויי מאָל.** יענעם יאָר, האָבן אַלע פיר קינדער חתונה געהאַט מיט גוטע זיווגים, וואָס זענען געווען 'לכתחילה שבלכתחילה'.

בני - מיר האָבן געהערט פון אַ באַקאַנטן איד פון פלאָרידאַ, אַז ער האָט געוואַרט צוואָנציג יאָר אויף קינדער. אַלע פּעולות וואָס ער האָט געטוהן, האָבן נישט געהאָלפן. איין יאָר, האָט ער געזאָגט מיט כוונה און יראה צוויי מאָל תהלים, און ער איז געהאָלפן געוואָרן מיט אַ קינד, ממש למעלה מדרך הטבע.

דאָס אַלעס איז אַ 'טראָפּן אין ים' פון דעם וואָס מ'הערט אין משך פונעם יאָר, וועגן וואונדערליכע ישועות וואָס קומען ווען מ'טוט די דאָזיגע סגולה.

(און כאָטש מיר זענען נישט באַקאַנט פון דעם באַשעפער'ס חשבונות, און איך האָב געהערט ווי מענטשן באַקלאָגן זיך אַז זיי האָבן געטוהן די סגולה און זענען נישט געהאָלפן געוואָרן. דאַרף מען וויסן, אַז עס איז צומאָל ענליך צו אַ מענטש וואָס האָט עטליכע טעג נישט געגעסן, איז ער אַריינגעגאַנגען אין געשעפט פון זיין חבר, און איהם געבעטן, איך פאַסט שוין עטליכע טעג, גיב מיר, ביטע, אַ שיינע פּאָרציע פון אַ שאַרפן מאכל. זיין חבר, אָבער, וועלכער איז איהם געטריי, וועט איהם אָבער נאָר געבן לייכטע מילכטיגע מאכלים, ווייל ער ווייסט דאָך אַז אַ שאַרפן מאַכל איז אַזוי ווי 'סם המות' רח"ל פאַר איינעם וואָס האָט נישט געגעסן עטליכע טעג.

די זעלבע איז אויך מיט אונז, מיר פאַרשטייען נישט די הימלישע חשבונות. מיר דאַרפן נאָר טוהן אונזער חיוב פון השתדלות, און פון הימל וועט מען זיך שוין דערבאַרימען אויף אונז, און מיר וועלן אַוודאי זוכה זיין צו אַסאַך שפע און גרויסע ישועות בכפלי כפליים, על כל פנים ביי די זאַכן וואָס זענען יאָ גוט פאַר אונז יעצט, אַזוי ווי דער ידיד וואָס גיט פאַר דעם 'פאַסטער', אַ מאכל וואָס דערקוויקט זיין האַרץ...).

עס שטייט אין ספה"ק 'ערבי נחל' (דרוש לר"ה) אַז יעצט איז די צייט איבערצובעטן דעם אויבערשטען כביכול פאַר אַלעם וואָס מיר האָבן איהם געטוהן, און מיט וואָס קענען מיר איהם מפייס זיין? זאָגט ער, דער אויבערשטער ווערט אָנגערופן **'מלך מתרצה בדמעות', מ'קען איהם איבערבעטן מיט טרערן.**

אַמאָל ווען דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע איז שוין געשטאַנען אויף דער בימה פאַר תקיעת שופר, האָט ער אויפגעהויבן זין קאָפּ צום 'עזרת נשים' און זיך געוואָנדן צו די פרויען זאָגנדיג:

**- נשים צדקניות, וואַשט אויס דעם שופר וואָס איך האַלט אין האַנט מיט אייערע טרערן, כדי איך זאָל קענען בלאָזן די תקיעות כראוי וכיאות.**

עס ווערט דערציילט (ספר השיחות', להצמח צדק, ערב ר"ה תר"ד) אַז הרה"ק בעל 'צמח צדק' זי"ע פון ליובאַוויטש האָט אַמאָל אָפּגעשטאַט אַ באַזוך ביי אַ גרופּע אידישע סאָלדאַטן פונעם רוסישן צאַר (ווי באַקאַנט, האָבן די גדולי הדורות גאָר שטאַרק אויסגעלויבט די אידישע סאָלדאַטן וואָס האָבן זיך געהאַלטן פעלזן-פעסט קעגן אַלע שווערע און ביטערע נסיונות אָפּצוהיטן אידישקייט אויך אין די אומדערטרעגליכסטע אומשטענדן). צווישן אַנדערן האָבן די סאָלדאַטן געזאָגט צום 'צמח צדק', אָט האָבן מיר אויסגעוואַשן און אָפּגערייניגט די קנעפּלעך אויף אונזערע מונדירן וואָס מיר טראָגן לכבוד ראש השנה, זאָל דער רבי אונז לערנען ווי אַזוי מיר קענען 'אויסוואַשן' אונזער נשמה...

האָט דער 'צמח צדק' זיי געפרעגט, מיט וואָס האָט איר אָפּגערייניגט די קנעפּ? און זיי האָבן געענטפערט, מיט זאַמד און וואַסער. האָט דער 'צמח צדק' זיי געזאָגט: מיט די זעלבע צוויי זאַכן קען איר אָפּריינִיגן אויך די נשמה... **ווייל תהלים איז אַנטקעגן דעם 'זאַמד', און די טרערן זענען דאָס 'וואַסער', און מיט דעם וואַשט מען און מ'רייניגט אָפּ די נשמה ביז זי שיינט אַזוי ווי פייער... מיט תהלים און מיט טרערן קען מען אָפּוואַשן די נשמה...**

**סה.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זצ"ל האָט געזאָגט, אַז אַ איד וואָס ווערט נישט נתעורר אין ראש השנה צו שטיין בתפילה ובתחנונים, איז ער גליך צו אַ בעה"ב וואָס זיין פּאַלאַץ גייט אויף אין פלאַמען און ער שלאָפט אויף זיין בעט רואיגערהייט, און כאָטש אַלע אַרומיגע שרייען צו איהם 'פייער', 'פייער', מאַכט ער זיך נישט וויסנדיג און ער לויפט נישט ברענגען וואַסער צו פאַרלעשן דאָס פייער און ראַטעווען זיין פאַרמעגן.

**בספר חיים ברכה ושלום ופרנסה טובה - בעטן אויך אויף פרנסה**

**אין דעם הייליגן טאָג ווערט פאַרשריבן און באַשטימט** מיט א פונקטליכקייט די פרנסה פאַר יעדער באַשעפעניש אויף דער וועלט[סו] (ביצה טז.), און ממילא, איז עס די צייט צו בעטן פון דעם אויבערשטען: 'אבינו מלכינו, כתבינו בספר פרנסה וכלכלה', און אויך אַלע אַנדערע הצטרכות'ן וואָס מען דאַרף.

**און אויב איינער וועט קומען און טענה'ן** אַז דער זוהר הקדוש זאָגט (תיקוני זוהר כב.) 'צווחין ככלבין הב הב', אַז די מענטשן וואָס בעטן אויף פרנסה, זענען אַזוי ווי די הינט וואָס שרייען, 'גיב און גיב'... האָט שוין אָבער געזאָגט וועגן דעם, דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע ('בעל שם טוב' עה"ת, ליקוטים לר"ה ויוה"כ, כד) אַז דער זוהר הקדוש רעדט נישט וועגן אונזערע היינטיגע צייטן[סז],

---

דער נמשל איז קלאָר, אין אַזאַ צייט איז יעדער איד אימשטאַנד צו פועל'ן אַז מ'זאָל איהם אָפּ'פּסק'ענען אַ יאָר פון שפע און ברכה, אָבער ער מיט זיין נאַרישן שכל פירט זיך אַזוי ווי יענער טיפש וואָס שטרענגט זיך נישט אָן צו ראַטעווען זיין פאַרמעגן פונעם פייער.

לויט דעם, איז פאַרשטענדליך וואָס דער ירושלמי זאָגט (געברענגט אין רמ"א, סי' תקפ"ג ס"ב) אַז דער מענטש וואָס שלאָפט אָנהייב יאָר פאַרשלאָפט זיין מזל. דאָס הייסט, ער 'פאַרשלאָפט' די צייט און לייגט נישט צו האַרץ אויסצונוצן די צייט 'אָנהייב יאָר' - אין ראש השנה.

**סו.** אין ירושלים האָט געוואוינט אַ איד, הרב ר' יוסף וויינבערג ז"ל, ווע‏מען דער אויבערשטער האָט געבענטשט מיט אַן עשירות. אַמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער 'קריזיס' אין די געשעפטן, און אַלע סוחרים פון ירושלים זענען אַרומגעגאַנגען פאַר'דאגה'ט און צעטומלט, ווייל זייער גאַנצער עתיד האָט זיך געוואַנדן אויף דעם ווי אַזוי עס וועט זיך ענדיגן דער 'קריזיס'. ר' יוסף וויינבערג איז געווען דער איינציגער וואָס איז אַרומגעגאַנגען רואיג אויך אין דעם מצב. אין אַ שיינעם טאָג איז ער געפאָרן קיין טבריא, און ער האָט דאָרט באַגעגענט דעם שפעטערדיגן סלאָנימער רבי'ן, הרה"ק בעל 'ברכת אברהם' זי"ע, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין טבריא, און דער 'ברכת אברהם' האָט געפרעגט ר' יוסף'ן, ווי אַזוי האָט איר געהאַט די כוחות הנפש איבערצולאָזן אַלע אייערע געשעפטן און אייער הויז אין אַזאַ צייט, ווען אַלעס 'הענגט אויף אַ האָר'. האָט רבי יוסף געענטפערט:

**- מיין יריד איז ראש השנה...**

ער האָט געמיינט צו זאָגן, ראש השנה איז די צייט ווען מ'קען ענדערן דאָס וואָס מ'איז באַשערט פאַר דעם מענטש, אָבער אין משך פון יאָר, איז דאָס נישט מער ווי אַ 'גילוי', אַן אַנטפּלעקונג וויפיל און וואָס מ'האָט באַשטימט אין ראש השנה... זינט דאַן, פלעגט דער 'ברכת אברהם' אַסאַך איבער'חזר'ן די ווערטער וואָס רבי יאָסל וויינבערג האָט איהם געזאָגט: 'מיין יריד איז ראש השנה... מיין יריד איז ראש השנה'...

**סז.** הרה"ק בעל 'בית ישראל' מ'גער זי"ע, האָט געזאָגט (ליל ראש השנה תש"ט, אין ערשטן יאָר פון זיין הנהגה פון גערער חסידות - געברענגט אין ספר 'פאר ישראל', ח"א, ע' רצג), אַז זיין זיידע, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט אין זיין צייט, אַז דעם ערשטן טאָג ראש השנה זאָל מען נישט בעטן אויף גשמיות, נאָר אויף מלכות שמים און אויף 'אידישקייט', נאָר אין צווייטן טאָג ראש השנה, קען מען בעטן אויף פרנסה און אַנדערע גשמיות'דיגע באַדערפענישן.

און דער 'בית ישראל' האָט צוגעגעבן, די צוויי טעג פון ראש השנה ווערן דאָך גערעכנט אַזוי ווי אַ 'יומא אריכתא' - איין לאַנגער טאָג - און האָבן איין קדושה, און באמת האָבן אויך אידישקייט און פרנסה איין קדושה, און 'הא בהא תליא' - איינס ווענדעט זיך אין אַנדערן, ווייל כדי מיר זאָלן קענען דינען דעם אויבערשטען מיט תורה און תפילה, און ערציען אונזערע קינדער ריכטיג, דאַרפן מיר האָבן אַ שפע פון פרנסה בכבוד, און **אויב אַזוי, קען מען בעטן אויף פרנסה אויך אין ערשטן טאָג ראש השנה.**

ענליך האָט געזאָגט הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע, אַז זיין רבי, דער הייליגער לעכעוויטשער זי"ע, האָט מקפיד געווען אויף איינעם וואָס האָט אַריינגעשריבן אין 'קוויטל' אין די ימים נוראים בקשות אויף פרנסה, זאָגנדיג, ווי אַזוי קען אַ מענטש טראַכטן אין אַזאַ צייט וועגן זיינע צרכי הגוף, ווען מ'דאַרף גוט זיך באַטראַכטן 'במה יתרצה עבד אל אדוניו' - מיט וואָס מ'קען איבערבעטן דעם גרויסן באַשעפער.

פונדעסטוועגן, האָט דער קאָברינער זי"ע געזאָגט אויף דעם, **אַז יעצט ווען אַ איד בעט אויף פרנסה, בעט ער אויף טהרת הנפש, ווייל דער תוכן פון זיין רצון איז אַז ער זאָל האָבן אַ קלאָרן דעת מתפלל צו זיין צום באַשעפער**

ווען דער חסרון אין פרנסה שטערן פאַר דעם מענטש צו דינען דעם אויבערשטען מיט ישוב הדעת, און ממילא שאַדט עס נישט צו בעטן אויף פרנסה. **אדרבה, עס איז אַפילו דאָ אַ חיוב**[סח] **מתפלל צו זיין אויף פרנסה**[סט].

**ענליך** האָט געזאָגט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע ('אמרי פנחס', אות תפה) **בזה הלשון: שוטים רעדן זיך איין 'צווחין ככלבין הב הב', און זיי זענען נישט מתפלל אין ראש השנה און יום כיפור אויף פרנסה,**

---

**געהעריג, אָדער צו זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים מיט אַ דעה צלולה, אָדער לערנען, מכבד זיין דעם שבת, צאָלן שכר לימוד, און דאָס אַלעס איז דאָך פאַר'ן צורך פון עבודת השם.**

די גמרא זאָגט (ר"ה טז:) אַז מ'בלאָזט שופר אין ראש השנה 'מיושב', און דערנאָך בלאָזט מען נאָכאַמאָל 'מעומד', כדי צו צעטומלען דעם שטן. האָט אויף דעם געזאָגט הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פשיסחא ווייל **דער עיקר תירוץ וואָס אַ מענטש האָט אויף דעם וואָס ער האָט נישט געדינט דעם אויבערשטען געהעריג מיט'ן גאַנצן שלימות, איז צוליב די טירדות און צעטומלעניש וואָס ער האָט געהאַט צוליב פרנסה, און דאָס האָט גורם געווען אַז ער האָט נישט געהאַט אַ קלאָרע דעה צו לערנען און דאַווענען.** אויף דעם טענה'ט אָבער דער שטן, אַז דאָס איז נישט קיין תירוץ, ווייל דו האָסט געדאַרפט דינען דעם באַשעפער, און נישט קוקן אויף די טירדות פון פרנסה.

וועגן דעם בלאָזן מיר שופר, און דער שטן ווערט צעטומלט און ער קען נישט מקטרג זיין. דעמאָלס זעהט איין דער שטן אַז **דאָס איז באמת יאָ זייער אַ גוטער תירוץ, אַז איינער וואָס ווערט צעטומלט צוליב די טירדות, קען נישט טוהן זיין עבודה באמת און בשלימות.** (ספר 'שיח שרפי קודש')

ענליך האָט געזאָגט הרה"ק רבי יצחק'ל וואָרקער זי"ע ('שמועות יצחק', שבת שובה, אות ו) און ער האָט צוגעגעבן, אַז דאַן זאָגט דער מלאך מיכאל צו דעם שטן: **זעה נאַר, פון איין תקיעה וואָס אידן בלאָזן ווערסטו באַלד צעטומלט און צעמישט, אויב אַזוי, ווי אַזוי וואַגסטו צו רעדן אויף 'מענטשן', וואָס דו ביזט דאָך אַ 'מלאך' און פונדעסטוועגן ביזטו געוואָרן דערשראָקן, אויב אַזוי, וואָס זאָל טוהן אַ מענטש, אַ 'קרוץ מחומר', ווען די טירדות צעטומלען איהם.**

**סח.** די ספרים זאָגן אַפילו בדרך מליצה, אַז אדרבה, **דער מענטש וואָס איז מתפלל נאָר אויף ענינים פון רוחניות** (אויך במשך פונעם יאָר), **זעהט אויס חלילה ווי אַ 'כופר במקצת'**, ווייל ער איז אַזוי ווי איינער וואָס זאָגט, כדי צו שטייגן אין רוחניות, דאַרף איך האָב סייעתא דשמיא, און וועגן דעם וועל איך מתפלל זיין דערויף, אָבער אין ענינים פון גשמיות קען איך מיר 'אַליין אַן עצה געבן'...

אַזוי האָט געזאָגט דער גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל (געברענגט אין ספר 'כוכבי אור', ע' רסב), און אַזוי האָט געזאָגט דער גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל ('מעשה איש', ח"ג, ע' קנז) אַז **ראש השנה איז געגעבן געוואָרן צו בעטן אויך אויף אַלע באַדערפענישן וואָס דער מענטש דאַרף האָבן.**

**סט.** אדרבה, דאָס איז דער עיקר פון די תפילות, ווי הרה"ק מהר"ש מליובאַוויטש זי"ע האָט געזאָגט אַז **דער קרעכץ און געוויין אויף דעם גשמיות'דיגן מצב אין ראש השנה, איז אין גדר פון 'תשובה עילאה'.** (ספר 'ליקוטי דיבורים', ח"ד, ע' תשכ)

הרה"ק בעל 'קדושת ציון' מ'באָבוב זי"ע הי"ד פלעגט דערציילן, אַז אין ראָפּשיץ, צווישן די חבריא פון הייליגן ראָפּשיצער רב זי"ע, איז איינע פון די חסידים געווען אַ איד מיט'ן נאָמען רבי זאַנוויל. דער רבי זאַנוויל (וועמען מ'האָט גערופן 'זאַנוויל ראָפּשיצער') איז געווען אַ בלוטיגער אָרימאַן ל"ע, אָבער ער איז געווען אַ שיינער בעל תפילה. אַמאָל האָט מען איהם אָנגעבאָטן צו קומען דאַווענען אַלס שליח ציבור אין אַ געוויסע שטאָט אין די ימים נוראים, פאַר אַ שיינעם לוין. רבי זאַנוויל האָט זיך געקווענקלט צי ער זאָל אָננעמען דעם אָנבאָט. ווי קען ער זיין ראש השנה, נישט ביי זיין הייליגן רבי'ן, דעם ראָפּשיצער רב? דער שרעקליכער דחקות האָט אָבער 'געזיגט', און רבי זאַנוויל האָט אָנגענומען דעם אָנבאָט צו קומען דאַווענען ימים נוראים אין יענער שטאָט.

ווען רבי זאַנוויל איז אַריינגעקומען זיך געזעגענען פון ראָפּשיצער רב, האָט דער ראָפּשיצער רב איהם געזאָגט שאַרף: 'אַה, זאַנוויל, **ובכן תן פחדך, אויך געלט...**' האָט רבי זאַנוויל צוריק געענטפערט דעם ראָפּשיצער רב: '**ובכן צדיקים, אויך געלט...**'

און דער באָבוב'ער רב, בעל 'קדושת ציון', האָט צוגעלייגט צו די מעשה: 'און איך זאָג, **ובכן יתקדש שמך ה' אלוקינו, אויך געלט**'... דאָס מיינט, כדי אידישע קינדער זאָלן קענען דינען דעם אויבערשטען ווי ס'דאַרף צו זיין, דאַרפן זיי האָבן אַסאַך געלט...

דאָס האָבן זיי ניט, און דאָס בעטן זיי ניט [זיי זענען נישט אין אַ מדריגה נישט צו בעטן אויף פרנסה, און וויבאַלד זיי בעטן נישט, זענען זיי נישט זוכה צו פרנסה, און זיי בלייבן 'קרח מכאן ומכאן'].

**אויך** ווערט דאָרט געברענגט ('אמרי פנחס', שם, אות תפד), אַז הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט אַמאָל געהייסן זאָגן פרשת המן אַלע צען טעג פון די עשרת ימי תשובה, און אַסאַך מאָל האָב איך געהערט ווי ער האָט אָנגעזאָגט אַז מ'זאָל מתפלל זיין אויף פרנסה און די אַנדערע הצטרכות'ן וואָס מ'דאַרף, צו גלייבן אַז דער אויבערשטער וועט אַוודאי ערפילן זיין פאַרלאַנג, און דאָס איז אַ גרויסע מצוה[ע].

**עס** זענען דאָ מענטשן וואָס טענה'ן, ווי אַזוי קענען מיר מתפלל זיין אויף בני חיי ומזוני פאַר דעם 'מלך א-ל רם ונישא', אָבער באמת, האָט הרה"ק רבי דוד'ל טאָלנער זי"ע שוין אָפּגעפרעגט זייער טענה ('כנסת דוד', ערך 'הזן את הכל'), און ער האָט עס אַריינגעטייטשט אין די ווערטער וואָס מיר זאָגן ביים דאַווענען אין די ימים נוראים: 'קדוש אתה ונורא שמך' - דער אויבערשטער איז אַ 'קדוש ונורא'. אויב אַזוי, ווי אַזוי קענען מיר בעטן פון איהם וועגן אַ 'קויליטש' (חלה) און אויף אַנדערע ענינים פון פרנסה. אויף דעם זאָגן מיר, 'ואין אלו-ה מבלעדיך'. מיר האָבן דאָך נישט צו וועמען זיך צו ווענדן נאָר צו דעם אויבערשטען, וואָס ער שפּייזט די גאַנצע וועלט. פון וועמען דען זאָלן מיר בעטן, אויב נישט פון דעם אויבערשטען ברוך הוא.

---

ס'איז אַ גרויסער כלל, אַז דאָס גאַנצע בעטן אויף גשמיות, איז נאָר פאַר'ן צורך פון רוחניות, אַז מ'זאָל קענען דינען דעם אויבערשטען במנוחת הנפש. ממילא, איז אויך ווען אַ איד איז מתפלל צו האָבן גשמיות, איז גלייך ווי ער וואָלט געבעטן אויף רוחניות.

אַזוי זאָגט דער 'חתם סופר' זי"ע (סוף פ' תבא) אויפ'ן פסוק (תהלים כז, ד) 'אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, שבתי בבית ה' כל ימי חיי'. חז"ל זאָגן (תענית ח:) אַז מ'זאָל נישט בעטן אויף צוויי זאַכן אויף איין מאָל, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (עזרא ח, כג) 'ונצומה ונבקשה מאלוקינו על זאת'. דאַרף מען פאַרשטיין, מיר בעטן דאָך אין די תפילת שמונה עשרה, און אין 'אבינו מלכנו', אויף אַסאַך זאַכן מיט אַמאָל.

איז דער תירוץ, **מיר מיינען נאָר איין זאַך, אַז מיר זאָלן האָבן אַלעס וואָס מיר דאַרפן האָבן, כדי צו קענען דינען דעם אויבערשטען**. דאָס איז די כוונה פון דעם פסוק, 'אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש'. איך בעט פון דעם אויבערשטען נאָר איין זאַך - נישט מער. וואָס בעט איך פון דעם אויבערשטען? '**שבתי בבית ה' כל ימי חיי**', און **אַלע בקשות וואָס איך בעט ביי אַלע מיינע תפילות, זענען נאָר פאַר דעם צוועק.**

**ע.** אַ גרופּע חסידים זענען אַמאָל געקומען אויף יום טוב פון ראש השנה צו הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע. זיי האָבן אָבער נאָר געדאַוונט ביים רבי'ן, אָבער די סעודות האָבן זיי געגעסן ערגעץ אַנדערש. ווען דער רבי האָט עס באַמערקט, האָט ער געזאָגט בדרך צחות:

- די חסידים דאַווענען דאָ אויף פרנסה, אָבער עסן, עסן זיי ערגעץ אַנדערש...

האָט איינער פון די אָנוועזענדע חסידים, הרה"ח רבי נתנאל ראַדזינער ז"ל (אַ זיידע פון הרב נתנאל ראַדזינער ז"ל פון בני ברק, וועלכער האָט אויפגעשטעלט דעם בית המדרש לתורה ולחסידות 'אש קודש'), געטראַכט ביי זיך, עס שטייט דאָך אין זוהר הקדוש אַז מ'זאָל נישט בעטן אויף פרנסה אין ראש השנה, אויב אַזוי, וואָס האָט דער רבי געמיינט מיט'ן זאָגן די ווערטער אַז זיי זענען מתפלל דאָ אויף פרנסה. שפּעטער, ווען דער דערמאָנטער חסיד איז אַדורכגעגאַנגען ביים הייליגן סטאָלינער צו ווינטשן אַ גוט יאָר, האָט דער רבי איהם אָפּגעשטעלט און איהם געזאָגט:

**- דאָס וואָס מ'טאָר נישט בעטן ראש השנה אויף פרנסה, איז נאָר גילטיג פאַר אַ מענטש וואָס האָט פרנסה און ער בעט נאָך, אָבער איין וואָס האָט אינגאַנצן נישט קיין פרנסה, מעג ער בעטן דערויף אין ראש השנה...**

און דער רבי האָט צוגעגעבן, אַז לויט דעם איז מדויק דאָס לשון פון זוהר הקדוש, וואָס ער דריקט זיך אויס שאַרף וועגן די מענטשן וואָס בעטן אויף פרנסה, 'צווחין ככלבין הב הב', און ער זאָגט נישט איין מאָל דאָס וואָרט 'הב' (גיב), ווייל דאָס גייט אַרויף אויף די מענטשן וואָס האָבן פרנסה, נאָר זיי בעטן 'נאָך', מער ווי דאָס וואָס זיי פאַרמאָגן שוין. **אָבער דער מענטש וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט - און אויך איינער וואָס פאַרשטייט זיך צו מאַכן אַזוי ווי ער איז 'אָרים' - מיט'ן וויסן אַז אין ראש השנה פאַנגט זיך אָן אַ נייער חשבון, און ממילא איז ער גלייך אַזוי ווי איינער וואָס פאַרמאָגט נאָך גאָרנישט, אַזאַ איינער מעג בעטן 'הב לן מזוני' - גיב אונז פרנסה.**

**שבת בו תשוב - שבת שובה**

**דער** הייליגער רוזינער זי"ע האָט געטייטשט דעם פסוק (ישעיה נח, יג) 'אם תשיב משבת רגלך עשות חפציך ביום קדשי', דער אויבערשטער זאָגט צו אידישע קינדער: 'אם תשיב משבת' - אויב איר וועט תשובה טוהן אין דעם שבת, שבת שובה[עא], 'רגלך' - פון אַלע דיינע געוואוינהייטן (פון לשון 'הרגלים'). דאָס הייסט, דו וועסט טוישן דיינע 'רגילות'ן', וואָס דו ביזט צוגעוואוינט צו זיי, פאַרזיכערט דיר דער אויבערשטער אַז דו וועסט זוכה זיין צו דעם וואָס שטייט אין סוף פונעם פסוק, 'עשות חפצך' - איך וועל מאַכן פאַר דיר אַלע דיינע בקשות און באַדערפעניש, דו וועסט זוכה זיין צו אַ גוט זיס יאָר, 'ביום קדשי' - אין דעם הייליגן טאָג פון יאָר, יום כיפור, וואָס קומט נאָך שבת שובה[עב].

**דער** 'שפת אמת' זאָגט (תר"ס) מ'דאַרף זיך שטאַרקן אין שבת שובה, וואָס איז דער ערשטער שבת אין יאָר, ווי די גמרא זאָגט (שבת קיח:) **אלמלא שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהם אומה ולשון**, אויב די אידן וואָלטן געהיטן דעם ערשטן שבת (אפילו איין שבת), וואָלט קיין שום פאָלק אויף דער וועלט נישט געקענט געוועלטיגן איבער זיי. אין ראש השנה, ווען עס ווערט אַ נייער סדר אויף אַלע טעג פונעם יאָר, איז אַז מ'נעמט אויף דעם ערשטן שבת ווי ס'דאַרף צו זיין, ווערט ממילא פאַרראַכטן דאָס גאַנצע יאָר, עכ"ל.

**מיר** זענען מתפלל, יהי רצון מלפני אבינו שבשמים, שתחדש אלינו שנה טובה ומתוקה, עס זאָלן אָפּגעטוהן ווערן אונזערע פיינט די מסטינים און מקטרגים, מיר זאָלן זוכה זיין, לרחם עמו ביום דין. תחל שנה וברכותיה, און מיר זאָלן בקרוב זוכה זיין נתבשר צו ווערן מיט די גוטע בשורה, ובא לציון גואל, אמן ואמן.

---

**עא.** הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע איז אַמאָל פרייטאָג צו נאַכטס אַריינגעקומען אין שול, און געזעהן דעם עולם זיצן און לערנען. האָט דער 'חידושי הרי"ם' געפרעגט די חסידים: ווער האָט אייך מתיר געווען יעצט צו פאַרברענגען אין שול, אנשטאט אַהיימצוגיין מאַכן קידוש און עסן די שבת'דיגע סעודה, ווי דער פסוק זאָגט 'וקראת לשבת עונג' (ישעיה נח, יג).

דערנאָך האָט דער 'חידושי הרי"ם' זיך פאַרטראַכט, און פאַרגעזעצט, 'וויבאַלד איר זענט עוסק אין תשובה, אויף וואָס דער פסוק זאָגט (דברים י, טז) 'ומלתם את ערלת לבבכם', וואָס די מצוה פון מילה איז דאָך דוחה שבת, ממילא, מעגט איר ווייטער זיצן און לערנען און דינען דעם אויבערשטען אין שול, איידער איר גייט אַהיים עסן די סעודה...

האָט דער 'פני מנחם' זצ"ל געפרעגט, לכאורה וואָס האָט דער 'חידושי הרי"ם' געזאָגט אַז 'מילה דוחה שבת', דער ענין וואָס מילה איז דוחה שבת איז דאָך נאָר אויב דער ברית איז צו אַכט טעג פונעם קינד'ס געבורט - 'בזמנה', און דאָ איז דאָך עס געווען 'שלא בזמנה', ווייל די צייט פון 'תשובה' איז דאָך ערב שבת, ווי ס'איז באַקאַנט, און ממילא, ווי אַזוי האָבן די חסידים פונעם 'חידושי הרי"ם' זצ"ל געמעגט אַוועקשטופּן די מצוות פון כבוד און עונג שבת, צוליב מילה שלא בזמנה?

האָט דער 'פני מנחם' געענטפערט, אַז פון דאָ זעהט מען אַז אדרבה, **תשובה האָט נישט קיין ספּעציעלע 'צייט'. שטענדיג איז די צייט תשובה צו טוהן, און וועגן דעם איז עס שטענדיג 'בזמנה' און ס'איז 'דוחה שבת'... איז דאָך פשוט, אַז היינטיגן שבת, שבת שובה, איז זיכער אַ בחינה פון 'מילה בזמנה'...**

**עב.** די בעלזער צדיקים זי"ע פלעגן ביי שלש סעודות - 'רעוא דרעוין' פון שבת שובה, זיצן ביי די טיר, אַלס אַ רמז צו אַן אָרימאַן וואָס זיצט ביי די טיר און בעט זיך צום בעה"ב פון דער גרויסער וועלט, אַז ער זאָל זיך דערבאַרימען אויף איהם און אָננעמען זיין תשובה.

איין יאָר שבת שובה, האָט הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע זיך געזעצט בשעת'ן פראַווען שלש סעודות, ביי די טיר, און געזאָגט מיט אַ קול געשטיקט פון טרערן: 'כעני בפתח, כעני בפתח'... און ער האָט מער נישט געזאָגט אַ וואָרט. די געציילטע ווערטער, וואָס זענען אַרויס פון די טיפענישן פון הייליגן האַרץ פון בעלזער רב זי"ע, האָבן אַריינגעדרינגען אין די הערצער פון די חסידים, תשובה צו טוהן ממש 'כעני בפתח'.

בס"ד

לקראת ימי הרחמים והרצון!

# בְּזֹאת אֲנִי בוֹטֵחַ

תהלים כז ג'

## הרגשת מתיקות והתעוררות מיוחדת עם "תהלים באר החיים"




# תהלים
## באר החיים

עם מפתח עניינים מפורש

מתוכן שיחותיו של

הגה"צ רבי
**אברהם אלימלך בידרמאן**
שליט"א

מכון
באר האמונה

ארה"ק:
ממלכת התורה עוז והדר
1-800-225566

ארה"ב:
נר למאור
718-384-1324

אירופה:
לעימאנס
+44(0)191 430 0555